# קרית בעלזא בלעטל

שנה ה' נומער 240 פרשת נח · תשפ"ה















**בריוו פון ראש ישיבה:**
ווי אזוי פארלירט
מען וואג גרינגערהייט?



**צום פינטל:**
דער שפיגעלע
פון אדם



**קוק אהער:**
יום טוב
ביים רבי'ן

# א יום טוב צום געדענקען

קרית ברסלב בלעטל

240 • פרשת נח תשפ"ה




ווער וועט זיין דער אמעריקאנער פרעזידענט? 12



אראפ געשלינגען א נאגל 15



חול המועד בטעם היכל הקודש 25

6 צום פינטל

14 מעשיות פון תפילה

18 א מעשה פון א צדיק

24 שיעור אין גראמען



**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן
**רעדאקציע**
משה ארי' שניטצלער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
שמעון עוזר פערל
יואל שניצלער
ש. ל. פליישמאן
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ח. ה. מינצבערג
ל. סאקס
**מגיה**
אברהם יצחק אייזנער
**ניקוד**
יודא לייב ווייס
**גראפיקס**
ישראל העסקעל
בערל שניטצלער
**קינדער אפטיילונג**
שמואל בער שניטצלער
**מעלערס**
יחיאל בלאיש
ר. קרול

צו אדווערטייזן אדער ארייינשיקן
בריוו, קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין ארייינצושיקן עדס איז זונטאג 1:00

צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:

אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org

אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com

ארץ ישראל:
077.930.9648

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069


**זמנים**
פרשת נח א' חשון

הדלקת הנרות .. 05:38
מוצאי שבת...... 07:04

**מנחה מעריב**
פרשת לך לך
05:40

מען רוקט צוריק דעם זייגער מוצאי שבת








בס"ד

# ערשינען!

פאקעט סייז




## קרית ברסלב לוח
## שוין דא צובאקומען!

**זמנים קרית ברסלב**

- זמנים ראש השנה אומאן תשפ"ה/תשפ"ו
- זמנים ברוקלין עש"ק און מוצש"ק
- לוח דף הקהילה
- זמנים תשרי תשפ"ו
- לוח שנת תשפ"ו
- הפטרה
- מולד
- ספירת העומר
- פנקס חשבון המעשר

איר קענט אפנעמען די **לוח בחנם** ביי איינע פון די גבאי' רענט קאמפיין:

**אשר דוב אינדארסקי**

**שבתי מארקוס**

אדער אין

**בית המדרש האשקי**

## ווערטער פון צדיקים דארף נישט קיין ראי'

לכבוד די חשובע מערכת קרית ברסלב בלעטל.

ערשטנס וויל איך ענק באדאנקן פאר די שיינע ריינע אויסגאבע, וואס איז פול מיט אמונה, אמונת חכמים, און יראת שמים.

איך וויל אויפמערקזאם מאכן אויף די אויסגאבע פון יום טוב סוכות ווי מען האט אזוי צונומען די ווערטער פון די אפיקורסים עוכרי ישראל, וואס האבן אויסגע'שמד'ט מיליאנען אידן, און אויך גורם געווען פארגיסן בלוט פון מיליאנען אידן, עס פאסט נישט פאר אזא ריינע בלעטל אראפ צו ברענגען זייערע לשונות טמאים, דער רבי זאגט דאך קלאר (חלק ב סימן מד) צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד מִדִּבּוּרִים שֶׁל כְּפִירָה וְאֶפִּיקוֹרְסוּת מען דארף זיך זייער היטן פון די ווערטער פון די אפיקורסום אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ אוֹמְרָם מִלִּבּוֹ הַיְנוּ שֶׁהוּא בְּעַצְמוֹ מַאֲמִין וְאֵינוֹ כּוֹפֵר, אפילו דער מענטש זאגט דאס נאר נאך בשם די אפיקורסים און ער גלייבט יא אינעם אייבערשטן, זאל ער אויך נישט נאכזאגן גארנישט פון זיי.

אונזער בלעטל דארף זיך האלטן ווייטער אויף אמונת חכמים. און אז מוהרא"ש שרייבט אין אשר בנחל ווער די ערב רב זענען, און וויפיל בלוט זיי האבן פארגאסן און פארגיסן נאך יעצט, איז דאס ביי אונז גענוג, מיר דארפן נישט חזר'ן הערצל אדער זשאבאטינסקיס ווערטער, און זיכער נישט שרייבן אפילו אלץ ווערטל זשאבאטינסקיס פערל ווערטער.

און אז איינער שיקט אריין א בריוו צום מערכת אז אונזער בלעטל איז פונקט ווי אנדערע בלעטלעך מיטן פארדרייען פאקטן אז "עס איז א שרעק ווי די אנטי ציונסטישע באוועגונג איז אזוי גרויס ממש א שרעק", וואלט איך נישט געדרוקט אזא בריוו.

שטארקט אייך מיט אייערע הייליגע ארבעט, בלאזט ווייטער אריין חיות און א טרייסט אין אידישע קינדער מיט די חיזוק פון הייליגן רבי'ן.

**ראש ישיבה**

ווער איז ביי די טיר? די דאקטערס אפיס. העלא.

מיין ווייב איז פארפארעט קע"ה מיט די שטוב ווירטשאפט, ס'איז איר ביטער שווער צו גיין צום דאקטער מיט רחל'ע וועלכע האט א פיבער. כ'האב פאר איר א מתנה. אן אומזיסטע. מעדאיז. די דאקטער'ס אפיס וואס קומט צו אייך.

Medease
CARE AT HOME

718.208.2030
Sunday 12-8 | Mon-thursday. 3-10

די דאקטערס אפיס ביי דיר אינדערהיים





# וְוִיאַזוֹי פַּארְלִירְט מֶען וָואג גְרִינְגֶערְהֵייט?

## שאלה

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

**אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק און עֵצוֹת, אִיךְ בִּין זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶה.**

**אִיךְ דַארְף אַן עֵצָה אוֹיף אַ דֵייעֶט, אִיךְ וֶוער פֶעטֶער פוּן טָאג צוּ טָאג, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן פוּן עֶסְן, און אִיךְ וִויל נִישְׁט גֵיין צוּ אַ גוֹי'אִישֶׁער דֵייעֶטִישְׁן, אִיךְ וִויל קֶענֶען עֶסְן נָארְמַאל און זִיךְ צוּרִיק הַאלְטְן פוּן אִיבְּרִיגֶע עֶסְן, און אַזוֹי אָפְּפַאלְן פוּנְט. אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר שְׁרַייבְּן אַ תְּפִלָּה אוֹיף דֶעם, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִיךְ צוּ קֶענֶען צוּרִיק הַאלְטְן פוּן עֶסְן אִיבְּרִיג און פַארְלִירְן וָואג.**

**יְיַשֵׁר כֹּחַ.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ו תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶרְשְׁטְנְס בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף זִיךְ שְׁלֶעכְט, דַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַ קְלֵיינֶע פְּרָאבְּלֶעם; דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַן אַפֶּעטִיט צוּ עֶסְן; בְּסַךְ הַכֹּל בִּיסְטוּ אַבִּיסְל אִיבֶּערְוָואגִיג, דָאס אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ.

דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אִיז צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ און צוּפְרִידְן, זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן אִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְס הֶענְט; וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ קוּמְט אַלֶעס אָן גְרִינְג, מֶען וֶוערְט גֶעזוּנְט, מֶען עֶסְט גֶעזוּנְט; שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלְסְדִינְג.

אַז עֶס שְׁטֶערְט דִיר דָאס אַז דוּ בִּיסְט אִיבֶּערְוָואגִיג - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אוֹיף דֶעם בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ חַבֵר; נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס מֶען דַארְף, צִי דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעם אָדֶער אַ קְלֵיינִיקֵייט וָואס שְׁטֶערְט וְכַדוֹמֶה, אוֹיף אַלֶעס דַארְף מֶען בֶּעטְן נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זַיין גֶעזוּנְט, זָאלְסְט קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גְרִינְגֶערְהֵייט, בֶּעט אִים: "**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט, אִיךְ זָאל עֶסְן גֶעזוּנְט, דִי עֶסְן זָאל זִיךְ פַארְדֵייעֶן גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, עֶס זָאל מִיר זַיין גְרִינְג דָאס גֵיין און קוּמֶען, עֶס זָאל מִיר אָנְקוּמֶען גְרִינְג זִיךְ צוּ בַּאוֶועגְן.**

**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַלֶע סָארְט מִיטְלֶען אָבֶּער גָארְנִישְׁט אַרְבֶּעט זִיךְ אוֹיס, עֶס אַרְבֶּעט נִישְׁט מִיט מִיר. אִיךְ הֵייבּ אָן אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס אִיךְ עֶס, אָבֶּער גְלַייךְ דֶערוֹיף פַארְלִיר אִיךְ זִיךְ און אִיךְ נֶעם צוּ מֶער און מֶער וָואג, עֶס וֶוערְט מִיר אַלֶעס זֵייעֶר שְׁוֶוער. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם עֶס זֶעט אוֹיס וִוי דָאס אִיז אַ קִינְדֶערִישֶׁע זַאךְ אוֹיף וָואס צוּ בֶּעטְן, אָבֶּער פַאר מִיר אִיז דָאס זֵייעֶר וִויכְטִיג; עֶס אִיז מַיין גֶעזוּנְט, עֶס אִיז מַיין בַּאוֶועגוּנְג; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען בַּאהֶערְשְׁן, אִיךְ זָאל עֶסְן נָאר גֶעזוּנְט און נִישְׁט מֶער וִויפִיל אִיךְ דַארְף, הֶעלְף מִיר טַאטֶע אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק, אִיךְ זָאל דִיר קֶענֶען דִינֶען מִיט שִׂמְחָה און לִיבְּשַׁאפְט".**

אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק מִיט דִי צְוֵויי זַאכְן 'שִׂמְחָה' און 'תְּפִלָּה' - וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**



# צום פינטל

## דער שפיגעלע פון אדם

איך האט געמוזט כאפן הענט און פיס, איידער איך ווער דא אריינגעשלעפט אין די דיסקוסיע, די געווענטליכע שטילע צום פינטל אפיס איז היינט אויף רעדער, די דיון איז איבער א מדרש.

אנגעהויבן האט זיך עס מיט אן אומשולדיגער שרייבער וואס האט געהאלטן ביים אנהייבן שרייבן זיין ארטיקל זיך באציענדיג אויף א מדרש רבה אין פרשת בראשית.

נו וואס זאל א פשוט'ע מדרש מאכן אזא איבערקערעניש? זייער פשוט, דאס איז איינס פון די פאליסיס פון די צום פינטל אפיס, אז א שרייבער קען נישט אנהייבן די ארטיקל מיט א מדרש, די סיבה איז פארשטייט זיך ווייל די צום פינטל ארטיקלען זענען געמאכט געווארן נישט בלויז אז מען זאל דאס שרייבן, נאר דער עיקר אז מען זאל דאס ליינען, און אז א ליינער הייבט אן ליינען עס שטייט אין מדרש... מישט ער גראד אריבער ס'בלעטל.

עס איז נישט אזוי ווייט די עקשנות פונעם שרייבער, וואס האט אים געטריבן אנצוהייבן דווקא מיט א מדרש, עס איז פשוט דער פאקט אז ער האט נישט געהאט עפעס אנדערש וואס צו שרייבן, אבער א 'פאליסי' איז א 'פאליסי'. וויפיל ער האט אים פארשטיין געגעבן, זיך געבעטן, און מסביר געווען, אז מען זאל אים לאזן דאס איין מאל, איז זיין בקשה צוריקגעוויזן געווארן, דאס האט וועגנטועל געפירט צו גאר אן אנגעשטרענגטער שטרייט צווישן די ארבעטער, די טענער האבן זיך געהאלטן אין איין העכערן, ביז יענער האט שוין נאכגעגעבן, ער האט אראפגעלייגט דעם פעדער.

יעצט האבן אלע געוואלט הערן איבער וועלכער מדרש מען האט זיך דא געקריגט.

דער מדרש איז א שורה אין בראשית רבה, א פלא פון א מדרש איבער אדם הראשון, דער אייבערשטער האט געפרעגט אדם: "דו האסט געגעסן פון די בוים וואס איך האב געזאגט נישט עסן?" שטייט דארט אין מדרש אז אדם איז נישט ארויס פון גן עדן ביז ער האט ח"ו מחרף ומגדף געווען דעם אייבערשטן, ער איז צוגעקומען צו רעדן קעגן די אמונה רחמנא לצלן. ער האט געזאגט, "יא! איך האב געגעסן", און פחד פחדים'דיגע ווערטער איז ארויסגעקומען פון זיין מויל, "און איך וועל ווייטער עסן".

אזוי ווי די אפיס קאלעגן האבן געהערט דעם אינהאלט פונעם מדרש, האבן איינס איינס מסכים געווען אז אך הפעם, דאס מאל קען ער אנהייבן מיטן מדרש. עס איז דאך א וואונדער פון א מדרש, וואס די ליינער וועלן זיכער ווילן וויסן די פשט דא, אבער דער שרייבער, נאך אזא גאנצע ספעקטאקל, האט שוין פארלוירן די אפעטיט, און צוריקגעוויזן די אנבאט, דער ארטיקל איז געבליבן הענגען אין די לופט...

זענענדיג דאס ליידיג בלעטל, דעם טינטער, דער פעדער, אלעס שטייט גרייט, האב איך שוין נישט געפרעגט קיין קשיות, איך האב געכאפט די פאפיר און פעדער און זיך גענומען שרייבן דאס וואס איך האב געוואלט שרייבן.

קיינער וויל נישט מען זאל בארעדן זיין זיידן, און בפרט מיט א זאך אז ער איז אנגעקומען צו אזא נידריגע מצב אז ער זאל פארופן ווערן אן אפיקורס, און... כ'על דיר נאך זאגן מער, אפילו אין אפיקורסות איז דא מדריגות, אבער שטעל דיך פאר עס איז דאקומענטירט אין ספרים וואס אלע לערנען אזא שרעקליכע שרעקעדיגע זאך.

אגב אז מען רעדט פון זיידעס פון אפשטאם, דערמאנט זיך אן עפיזאד, א קליין אידיש יונגעלע, וואס דער פאטער זיינער איז ליידער דורכגעגאנגען א שווערע יונגט, דער פאטער האט זיך אנגעשלאסן מיט נאך געזעלשאפטליכע (חברים? איז דען דא אזא זאך ווי א חבר, א חבר? עס איז א טעות

הדפוס א קבר! מען דארף פשוט טוישן די ח' צו א ק' ...) ביי איינע פון זייערע פארוויילונגען זענען זיי צוגעקומען צו גאר א הויכע מאס צובראכנקייט אז זיי האבן זיך ערקלערט אלס אטיאיסטן, אטיסטישע קינדער נעבעך... אבער דאס יאוש, דאס צובראכנקייט און דערביטערטקייט האט דערגרייכט צו א שטאפל אז ער האט פשוט געשפירט פאר א חוב קדוש דאס צו איבערגעבן פאר זיינע קינדער. ליידער האט ער אנגעהויבן דערציילן פאר זיין קליינעם אז זיי שטאמען גאר פון מאלפעס... ער האט אליין אויך נישט געוואוסט פונקטליך ווי אזוי עס ארבעט... זעט זיך אויס אז דער יחוס בריוו'ל איז אים פארפאקט געווען ערגעצוואו, צו צייגן זיין יחוס ארויף ביזן ערשטן גרויסן מאלפע... דאס האט אבער נישט צו לאנג אנגעהאלטן, ווייל יעדע נאכט איז די טייערע מאמע אריינגעקומען און מיט אייזערנע כוחות פון א אידישע פרוי אריינגעבאקן ק-ל מלך נאמן, שמע ישראל, מיר האבן נאר איין גאט, באגלייט מיט מעשיות פון מסירות נפש, מעשיות פון אברהם אבינו וואס האט פאר'מיאוס'ט אין די 'צובראכענע' פון זיינע צייטן. מיר שטאמען פון נח וואס זיין גאנצע דור איז פארשוועמט געווארן אינעם מבול, און מיר זענען קינדער פון אדם הראשון דער ערשטער מענטש! דאס קינד צומישטערהייט פרעגט די מאמע מיט תמימות: "אבער טאטי האט מיר געזאגט אז מיר שטאמען פון מאנקי'ס?" יא! ענטפערט די מאמע, דאס איז פון טאטי'ס זייט... דער אייבערשטער זאל זיך שוין מרחם זיין!

אבער מיר אז מיר גייען צוריק צו אדם הראשון, ניין כאפ נישט קיין הייסע לאקשן נישט אדר ראשון... אדם הראשון, דער אייבערשטער פרעגט אים: "אדם זאג נאר, דו האסט אפשר פארזוכט פונעם בוים וואס איך האב דיר באשוואוירן נישט צו פארזוכן דערפון?" יא! אייבערשטער איך האב געגעסן, ענטפערט אדם הראשון. און... לייגט אדם צו און איך וועל ווייטער עסן. 'ואוכל' שטייט אין פסוק, און איך וועל עסן.

שרעקעדיג! מיר ווערן רויט פאר בושה ווען מיר באגעגענען זיך מיט דעם שטיקל מדרש.

אזא דרגה אין חוצפה? אזא ענטפער געבן פאר אייבערשטן? אנשטאט צו זאגן, "יא איך האב געגעסן און איך האב חרטה, איך טו תשובה", אדער כאטש לייקן, ניין איך האב נישט געגעסן און גארנישט, ענטפערט ער, "יא! איך האב געגעסן, און... איך וועל ווייטער עסן."

אבער איך מיין עס ליגט דא א דורכדרינגליכע טיפער לימוד פאר אונז. מיר, וואס מיר האלטן שוין 4000 יאר נאך די פטירה פון זיידן ז"ל - אדם הראשון, דער ערשטער מענטש, מיר קוקן ארויף אויף אונזער זיידע, אה, די פראכט פון אונזער משפחה.

אדם זיצט ביים עץ הדעת, ער קוקט אן דעם אריינגעביסענעם עפל, דעם פייג, דער טרויב, יו נעם איט, עס איז דערנאך, ער איז צובראכן ווי א שטיקל שארב, ער שפירט זיך ווי א פיעס און גארביטש. אזא זאך זאל איך האבן געטון? איין מצוה'לע וואס דער אייבערשטער האט מיר געגעבן און איך האב עס נישט געקענט מקיים זיין? ער קען זיך נישט מוחל זיין, ווי איז געווען מיין שכל? דא האב איך געהאט אלע ליכטיגקייטן פון די וועלט, עס האט מיר גארנישט געפעלט, און צוליב א תאווה פון פופצן מינוט האב איך פארלוירן די וועלט און יענע וועלט, ער קען נישט קומען צו זיך, דורות דורות גייען יעצט מיינע אייניקלעך ליידן פון מיין נארישע אקט וואס איך בין באגאנגען.

וואס קענסטו אים זאגן? וואס קענסטו אים טרייסטן? עס איז נישט דא וואס צו זאגן. שטעל דיך פאר א מענטש דרייווט א באס און חס ושלום בטעות דרייט ער זיך ריקווערטס און קלאפט אראפ א קינד, דאס לעבן איז אים אויס, גיי זיי אים מסביר יעצט די גאנצע חיזוק פון בריאת שמים וארץ עד סוף כל הדורות, עס גייט אים נישט אריין אין די אויערן, למעשה האב איך גע'הרג'עט א קינד. דאס איז ווען איינער האט אוועקגעלייגט איין קינד, איז שטעל דיך פאר אדם זיצט אויף דער ערד, און טראכט צו זיך: נישט נאר איין מענטש האב איך געהרגעט, איך האב דאך גורם געווען אז אאאאלע גייען יעצט שטארבן, ער האט געווארפן דער שטארקסטער אטאם וואס איז נאר פארהאנען, נישט א אַטאם וואס ווישט אפ אלע מענטשן פון די וועלט, נאר אן אַטאם וואס דאס וועט הרג'ענען אלע מענטשן וואס

יעצט נעם א
שפיגעלע און
פארזיכטיג קוק
דארט אריין, ווערסטו
זען אן אינטרעסאנטע
זאך, קוק אבער זייער
גוט, קוק טיף טיף,
ווערסטו זען אז עס
שפיגלט אפ נישט
קיין צווייטער ווי
אדם הראשון, מיט
דעם זעלבן טיפן
שולד געפיל

<

גייען נאר אמאל באשאפן ווערן.

די גילט, די שולד געפיל עסט אריין אין אים, אויף א וועג וואס מען קען זיך נישט פארשטעלן. און פלוצלונג "ויקרא ה' אלקים אל האדם ויאמר לו איכה" דער אייבערשטער פרעגט אים: "אדם זאג נאר, דו האסט געגעסן פון דעם בוים וואס איך האב דיר געזאגט נישט עסן דערפון?"

אדם געבט ארויס דאס גאנצע ווייטאג, און וויינט ביטערליך: "באשעפער איך וואלט תשובה געטון, אבער... אבער... איך זע אז אזא נארישע קליינע זאך האב איך נישט געקענט פאלגן וואס דו האסט געזאגט, 'רבונו של עולם יא איך האב געגעסן', און... נישט נאר דאס, עס איז נישט דא קיין האפענונג פאר מיר, עס איז נישט דא קיין תשובה פאר מיר, וויל אויב איך בין נישט אין קאנטראל אויף מיר, אכלתי ואוכל עוד, אויב האב איך געגעסן וועל איך ווייטער עסן, וואס זאל מיך צוריקהאלטן די צווייטע מאל, די דריטע מאל, איך בין נישט באלעבאס אויף מיר, ווייל יעצט ערשט זע איך אז איך בין גארנישט, דו קענסט מיר געבן מצוות, קענסט מיר אנזאגן וועגן עבירות, אבער איך האב נישט די כוח צו זאגן ניין, ומותר האדם מן הבהמה 'אין' אז ער קען זאגן 'ניין', אבער איך זע דאך אז איך קען נישט זאגן ניין."

פרעגסטו יעצט פארוואס ער האט נישט תשובה געטון? וואס הייסט תשובה טון? וואס איז די פוינט פון תשובה טון, ווען א מינוט שפעטער גיי איך עס ווייטער טון? איך זע פונקטליך מיין גאנצע לעבן, דאס איז עס, עס איז אין מיין קייט פון עבירות, איך בין נישט! איך קען נישט! איך גיי שוין א גאנץ לעבן זינדיגן, ווייל וואס זאל זיך טוישן? איך זאל זאגן רבונו של עולם איך גיי שוין זיין גוט? יעדן טאג נאכאמאל זאגן איך גיי שוין זיין וואויל?

דאס איז וואס האט געמאכט אדם הראשון פאר אן אפיקורס (אזוי שטייט אין מדרש: אדם הראשון לא נטרד מגן עדן, עד שחירף וגידף) אז עס איז סיי ווי נישט דא קיין וועג פאר מיר, איז פארוואס זיך מוטשענען, אז איך קען סיי ווי נישט תשובה טון פארוואס זאל איך סתם זאגן אז איך גיי זיין גוט, איז איך לאז אלעס אפ און א גוטן טאג.

יעצט נעם א שפיגעלע און פארזיכטיג קוק דארט אריין, וועסטו זען אן אינטערעסאנטע זאך, קוק אבער זייער גוט, קוק טיף טיף, וועסטו זען אז עס שפיגלט אפ נישט קיין צווייטער ווי אדם הראשון, מיט דעם זעלבן טיפן שולד געפיל: תשובה? וואס תשובה? ווען תשובה? ווער תשובה? וואסערע מאנקי ביזנעס איז דעיס (יא דער זעלבער מאנקי הנ"ל כנ"ל) מאכן ליצנות פון וועם? פון זיך אליין? פונעם אייבערשטן? איך האב געקוקט! און איך גיי ווייטער קוקן! איז וואס מיינט דאס זאגן תשובה טון? ענטפער מיר! איך פרעג דיר עפעס! וואס שרייסטו דארט עפעס "זיך נעמען אין די הענט אריין"? זעעסט אים דארט, יא! צוגעטראפן, דאס איז די סיבה פארוואס דו ביסט געווארן אן אפיקורס, דו האסט נישט קיין עצה, דו האסט נישט קיין וועג ארויסצוגיין פון דיינע שלעכטע עקלדיגע מעשים, איך ווילן, עס טוט מיר ווי, אבער דאס איז די ביטערע מציאות: אכלתי ואוכל עוד! איך בין זייער אמת'דיג, איך האב געגעסן, און איך האב נישט קיין פלאן ווי אזוי צו סטאפן.

אבער עס ענדיגט זיך נישט דא, דער רבי האט געזאגט: איך וואלט געוועזן דער זעלבער ערליכער ייד אפילו איך וואלט געוועזן אן אייניקל פון א שניידער א שוסטער, אדער ערגער, נאר איין זאך בין איך דאך אנדערש, מיין נשמה איז אנטלאפן ווען אדם הראשון האט געגעסן פון עץ הדעת.

וואס איז די נשמה פון הייליגן רבי'ן, די נשמה פון רבי'ן איז: האסט געגעסן חזיר זע זשע ס'זאל נישט רינען אויפן בארד! דו



ביסט אין שאול תחתית, פון דארט שריי צום אייבערשטן: "אייבערשטער! איך וויל עס נישט טון, מען האט מיך באצווינגען" דו האסט געטון עבירות, און דו זעסט אז דו גייסט ווייטער טון, קוק נישט אויף דעם, דו זאג נאר: "הייליגער באשעפער, אייבערשטער, גאט, איך וויל זיין גוט, איך גיי זיין גוט, איי... איי וועסטו פרעגן... איך האב נישט קיין צייט צו דיינע מעשיות, דער איי האט זיך צוקראכט, איי פרעגט ער...

יעצט שטעלט דיך פאר די נשמה פון רבי'ן וואלט געווען דארט ביים חטא פונעם עץ הדעת, וואלט דאך אדם הראשון תשובה געטון, וואלט ער נישט געווארן קיין אפיקורס, אבער עס איז נישט געווען די "נשמה פון רבי'ן" די שכל פון הייליגן רבי'ן, די לימוד פון הייליגן רבי'ן, איך האב געגעסן פונעם עץ הדעת, איך האב טאקע נישט קיין עצה ווי אזוי איך גיי קומענדיגע מאל פאלגן, אבער איך בלייב ביים אייבערשטן, איך זאג: אייבערשטער, איך וויל זיין גוט, איך גיי זיין גוט, יא! די נשמה פון רבי'ן איז נישט דארט געווען.

אזוי דרייט זיך אדם הראשון ארום מיט יסורים פאר הונדערט און דרייסיג יאר, ער טוט ווייטער און ווייטער עבירות, ביז ער טרעפט אן זיין זון קַיִן, זיין זון קין דערציילט אים דער סוד, וואס א חילוק וואס דו טוסט? וואס א חילוק וואס דו גייסט טון? דו זאג: "רבונו של עולם יא! איך האב געזינדיגט און איך וויל זיין גוט." טוב 'להודות' להשם, זיי מודה פארן אייבערשטן, באשעפער איך האב געזינדיגט, איך וויל זיין גוט איך גיי זיין גוט.

איז יעצט ווען דו צוקלאטשסט דיך פרייטיג צו נאכט, אוי מזמור שיר ליום השבת טוווווו... להודות להשם... זאלסטו גוט אריינקלאטשן... יא יא, א גאנצע וואך זינדיג איך, און עס קומט א נייע וואך, איך ווייס נאכנישט צו איך גיי זיין בכח זיך צו שלאגן מיטן יצר הרע, אבער איך גיי האלטן אין איין זאגן: "באשעפער איך גיי זיין גוט", איך גיי מודה זיין: "באשעפער יא דא בין איך", יא איך באהאלט מיך נישט, איך בין אין די האנט פון יצר הרע געבינדן, יא איך בין שולדיג, אבער איך וויל זיין גוט און איך גיי זיין גוט.

אוי מזמור שיר ליום השבת, טוווווו...

# היכל הקודש נייעס



## אומאן

## שווערע שטורעם לאזט איבער לייכטע שאדנס ביים בנין אין אומאן

מיר דאנקען דעם אויבערשטן אויף דעם הערליכן יום טוב ראש השנה וואס מיר האבן בייגעוואוינט פארגאנגענעם ראש השנה, און מיר זענען זיכער אז מיר האבן געפועלט אלעס גוטס.

אין אן אינטערעסאנטן קרישקעלע קומט אריין א באריכט פון אומאן, אז יום הקדוש האט זיך אראפ געלאזט א שווערע שלאקס רעגן, עס האט געשטורעמט מיט גאר שטארקע דינערן און בליצן.

אינמיטן דעם שטורעם האט מען געהערט א געפערליך קראך, און מען האט געזען א שטארקע אויפרייס אויפן דאך פונעם בנין, די ארבעטער האבן זיך צוערשט גאר שטארק דערשראקן זייענדיג זיכער אז א רוסישע מיסל וואס האט זיך פארבלאנדשעט פונעם ציל האט נארוואס געלאנדעט אויפן בנין. אבער געלויבט דעם אייבערשטן עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז עס געווען א שטארקער בליץ פונעם שטורעם וואס האט אריינגעריסן אינעם בנין.

נאך יום טוב האט מען תיכף צוגעטרעטן צו אפשאצן די שאדנס צו זען וואס איז געשעדיגט געווארן, און מען קען ב"ה מעלדן אז די שאדנס זענען נישט צו גרויס, דער דאך האט געליטן אביסל שאדנס, די וואנט פון דרויסן איז לייכט געשעדיגט געווארן, עס איז אויך געשען לייכטע שאדן צו די עלעקטריק סיסטעם, פארשידענע ווייערס און באלבס זענען געווארן פארברענט.

אביסל צו מסביר זיין די נפלאות הבורא: בליצן פאסירן ווען די וואלקענעס ווערן אנגעפילט מיט עלעקטריציטעט, און די לאסט ווערט אזוי גרויס אז די וואלקענעס קענען עס מער נישט פארנעמען. די עלעקטריציטעט זוכט דאן דעם גרינגסטן וועג זיך צו באפרייען און דערגרייכן די ערד וואס קען איינזאפן די עלעקטרישע ענערגיע. בדרך כלל וועלן בליצן אין אלעס וואס שטעקט ארויס, ווי למשל א גאר הויכע בוים, וואס קען זיין דער גרינגסטער ציל פאר'ן בליץ.

אויב א בנין כאפט א בליץ, גייט דער בליץ געווענליך אריין אין די עלעקטרישע ווייערס צוליב דעם וואס זיי זענען שטארק 'קאנדוקטיוו', דאס הייסט זיי טראגן עלעקטריציטעט זייער גרינג. אבער, ווייל דער בליץ אנטהאלט א ריזיגע וואלטעדזש, פיל העכער פון וואס די ווייערס קענען אויפנעמען, קען דאס פאראורזאכן שאדנס ווי פארברענטע ווייערס און עלעקטרישע פאנעלן.

מוהרא"ש פלעגט זאגן "איך האב גארנישט, איך דארף גארנישט, איך בין גארנישט, דערפאר קען מיך קיינער גארנישט צונעמען". אויב מען כאפט א פליק און מען ווייסט אז ממילא דארף איך איין טאג צוריק גיין צו די ערד, דאן גייען אלע בליצן און אויפרייסן תיכף אריין צו דער ערד און דער מענטש ווערט נישט געשעדיגט, דאס איז דער גייסטישער 'בליץ כאפער' וואס מיר לייגן ארויף אויף אונז

ביי הויכע געביידעס וועט מען לייגט א פיזישע 'בליץ כאפער', וואס זענען אייזענעס וואס שטעקן זיך ארויס העכער די געביידע. און דינט אלס איינלאדענונג פאר די בליצן, זיי זאלן זיך אנכאפן אין זיי און נישט שעדיגן די געביידע. ווען די בליץ כאפערס כאפן א בליץ, טראגן זיי גלייך די ענערגיע אראפ צו דער ערד ('גראונד'), און דער געביידע ווערט, מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף, פארשוינט.

לאמיר זיך האלטן פארבינדן מיט'ן אייבערשטן און געדענקען אז אלעס קומט פון אים, דאן וועלן אלע חיצים ובליסטראות וואס ווערט געווארפן קעגן אונז זיך תיכף אראפ גליטשן, און מיר וועלן ארויסגיין דערפון אומגעשעדיגט בעזר השם יתברך.

# הערליכע יו"ט אין קרית ברסלב אריבער גאר שיין

א הערליכע פרייליכע אוןווארימע יום טוב איז אריבער אין שטעטל צוזאמען מיטן ראש ישיבה.

אנגעהויבן פון ערב יום כיפור האט זיך אנגעהויבן איין לאנגע קייט פון ווארימע דערהויבענע תפילות און דרשות. יום כיפור האט דער ראש ישיבה געדאווענט פארן עמוד און אריינגעברענגט א געוואלדיגע התעוררות אין אלע מתפללים. אזוי אויך האט מען געהערט גאר פייערדיגע דיבורים פאר כל נדרי, ווי דער ראש ישיבה האט אויך ארויסגעברענגט אז מ'זאל נישט זיין קיין עניו און טראכטן אז מיינע תפילות טוען נישט אויף, נאר מ'דארף וויסן אז מיין תפילה איז זייער חשוב ביים אייבערשטן, און יעדע תפילה טוט אויף.

נאך יום כיפור האט מען זיך געגרייט צום פרייליכן יום טוב סוכות, מ'האט פארגרעסערט דעם סוכה אין שול בהתנדבות האברך מו"ה אברהם שבתי מזרחי הי"ו. דער אייבערשטער זאל אים באצאלן מיט אלעס גוטס.

די ערשטע טעג איז אריבער גאר שיין מיט ווארימע תפילות און לעכטיגע דיבורים פונעם ראש ישיבה וואס האט מחזק געווען זיך צו פרייען מיט די מצות היום, און אויך אסאך ארומגערעדט פון פאלגן דעם רבינ'ס עצות פון כאפן א שפאציר יעדן טאג און רעדן צום אייבערשטן, און אזוי אויך נישט זיין קיין בטלנים, זען אויסניצן די צייט יעדן טאג צו לערנען שיעורים כסדרן.

אזוי אויך האט דער ראש ישיבה שטארק ארומגערעדט ביי די קידוש נאכן דאווענען וועגן די וויכטיגקייט פון האבן שלום בית וואס דאס איז געווען ביים רבי'ן א יסוד.

מוצאי שבת חול המועד איז מען זיך צאמגעקומען אינעם גרויסן סוכה פראווען דעם גרויסן הילולא פון הייליגן רבי'ן. דעם קומענדיגן טאג זונטאג איז פארגעקומען גאר א פרייליכע הכנסת ספר תורה נתנדב געווארן דורך האברך מו"ה אברהם שבתי מזרחי הי"ו. די ספר תורה איז ארויס פון זיין שטוב אויף 78 האשקי, און פון דארט האט מען געטאנצן מיטן תורה ביזן בית המדרש אויף 181 האשקי, יעדער אינגערמאן האט געהאט די זכי' צו טאנצן מיטן תורה, אלע קינדער האבן זיך מיטגעפריידט מיט פאקלען אין די הענט און מיט תורה פענער.

דערנאך האט מען געטאנצן אין בית המדרש צוזאמען פאר א לענגערע צייט, די שמחה איז געווען גאר גרויס, מ'האט זיך געפריידט אז מ'האט אזא געשמאקע תורה וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן.

שפעטער איז פארגעקומען א גרויסארטיגע סעודה לכבודה של תורה אינעם גרויסן סוכה ביים חצר הבית המדרש, ווי עס איז אויך פארגעקומען א צווייטע סיום הש"ס דורכן נדבן מו"ה אברהם שבתי הי"ו. ביים דרשה האט דער ראש ישיבה ארויסגעברענגט די אייגענארטיגקייט פון דעם הכנסת ספר תורה אז גלייך נאכן



ענדיגן דעם מעמד גייט מען ווייטער צוריק צו די חומש, צוריק צו די משניות און גמרא, ס'איז נישט נאר א מעמד פאר אפאר מינוט און דא ענדיגט זיך עס.

אזוי איז אריבער די חול המועד טעג מיט געשמאקע תפילות און אזוי אויך שמחת בית השואבה. פון דארט איז מען אריין אין הושענה רבה אנגעהויבן מיט קריאת משנה תורה, דערנאך איז געווען צוגעשטעלט א סעודה. נאכן סעודה האט מען צוזאמען אויסגעזאגט גאנץ תהילים אזוי ווי דער מנהג איז.

אינדערפרי האט מען זיך געשטעלט דאווענען אום 9:00 אזייגער, ס'איז זיך צאמגעקומען גאר א גרויסער עולם מיטצוהאלטן דעם דערהויבענעם דאווענען, צווישן יעדע שטיקל פון די הושענות האט דער ראש ישיבה מעורר געווען אויף אן אנדערן ענין, די התעוררות איז געווען גרויס, אלע האבן תשובה געטון און געבעטן דעם אייבערשטן מ'זאל זיך קענען פארגענומען גוטע קבלות. און געבעטן אויף א גוט קוויטל פאר זיך און פאר גאנץ כלל ישראל (צו הערן די דרשות רופט אריין קול ברסלב).

דערנאך איז מען אריין אין די פרייליכע צווייטע טעג יום טוב, וואס איז פארגעקומען אין צווייטן זייט שטעטל אויף די ירושלים גאס וואס געפונט זיך ביי טווין ברידזש געגענט. די חשובע גבאים האבן אויפגעשטעלט א גרויסן שאטער כדי ס'זאל זיין גענוג פלאץ צו קענען אקאמאדירן דעם גרויסן ציבור וואס קומען מיטהאלטן די פרייליכע הקפות.

ברוך השם אז די וועטער האט מיטגעשפילט נאכדעם וואס אנשי שלומינו האבן געבעטן דעם אייבערשטן דעריוף, און מ'האט געקענט גיין און קומען אן זיך דארפן ספראווענען מיט א רעגן אינדערמיט.

די הקפות איז געווען עפעס גאר פרייליך און הייליג, מ'האט געקענט זען אז אנשי שלומינו זענען באמת פרייליך מיט די תורה, ס'איז נישט קיין געמאכטע מעשיות וואס מ'טאנצט פאר א שטיק צייט און דערנאך לאזט דאס נאך, ניין! די טענץ און די שמחה האט אנגעהאלטן פון אנהייב די ערשטע הקפות ביזן לעצטן הקפה פון שמחת תורה.

דער ראש ישיבה האט במשך די הקפות אריינגעברענגט א געוואלדיגע פרישקייט אין אלעמען און געזען אז מ'זאל טאנצן און זיך פרייען מיט די תורה איש בל יעדר.

די הייליגע טעג וועלן געדענקט ווערן פאר א לאנגע צייט, די דרשות פון חיזוק און התעוררות האט זיכער עושה רושם געווען אויף אלעמען, אויפן לאנגן ווינטער וואס קומט, מ'האט זיך גוט אויפגעפרישט די נשמה מיט די אלע תפילות און דרשות וואס מ'האט געהערט פונעם ראש ישיבה שליט"א, און מ'האט זיכער גע'פועל'ט א גוט זיס יאר.

# פרישע אפטיילונג אויף קול ברסלב
# נייעס אין שטעטל

אין די לעצטערע טעג איז געעפענט געווארן א פרישע קנעפל אויף די באקאנטע קול ברסלב ליין וואס געבט אזוי פיל חיזוק פאר אידן איבער די גאנצע וועלט וואס לעכצן צו הערן חיזוק פונעם ראש ישיבה שליט"א אויף אלע פרטי החיים.

די האטליין איז אנגעפולט פון אלע סארט דרשות פון אלע צייטן אינעם יאר. אזוי אויך קען מען הערן אויפן ליין אינטערוויוס מיט אנשי שלומינו, און נאך אינטערעסאנטע אפטיילונגען וואס די ליין האט.

די לעצטע שטיק צייט האט דער ראש ישיבה געבעטן מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו חבר הנהלה ער זאל אנהייבן צו רעדן אויף די ליין יעדע וואך און פארציילן וואס מ'טוט אלץ פארן כלל שטילערהייט וואס דער עולם האלט נישט מיט, און אזוי אויך איז דא אסאך מאל נייעס'לעך וואס איז נוגע פאר יעדן איינעם וואס וואוינט אין שטעטל, און אז מ'קומט ארויף רעדן אויפן לייגן קלארער דאס אויס גאר אסאך נושאים וואס אנשי שלומינו וואלטן געוואלט וויסן און מיטהאלטן.

אומר ועושה ר' מנחם האט גענומען א שותף לדבר מצוה מו"ה שמעון עוזר גרינפעלד הי"ו וואס מיט אים פירט ער די שמועס יעדן וואך על פי פקודת דעם ראש ישיבה שליט"א.

ווי מען האלט יעצט איז שוין ארויף די פערטע שמועס ביים נייעם אפטיילונג מיטן נאמען "נייעס פון שטעטל" כשמו כן הוא מ'גייט איבער די וועכנטליכע פאסירונגען אין שטעטל פון קליינע ביז גרויסע נייעס.

ווי מען הערט נאך האט דאס געברענגט א געוואלדיגע קלארקייט פאר אנשי שלומינו אויף נושאים וואס זיי האבן שוין לאנג געוואלט וויסן וואס ס'טוט זיך, ווי למשל ווי מ'האלט מיטן בויען דעם נייעם חדר בנין ביים ווינקל פון דענמאן גאס, וואס האלט אפ און אזוי ווייטער, דאס און נאך נושאים ווערט קלאר אויסגעשמועסט בטוב טעם ודעת. די שמועסן קען מען הערן אויף קול ברסלב 212-444-9191 דערנאך דרוקט מען 1 פאר אידיש דערנאך 4 און 7.

גרשון קרעמער



# היציגע וואל פארמעסט אין אמעריקע קומט צום הויכפונקט

עס קאכט און רוישט אין די אמעריקאנער גאסן, ווי מען פארט נאר ארום (אין די אלגעמיינע שטעט) זעט מען גאסן שילדן "טראמפ" און ביי אנדערע "העריס", עס טוט זיך אויף קעסל און כלים, די מידיע דרייט אן דעם אמעריקאנעם פאלק איבער די וואלן וואס איז ווי אייביג "אזאנס וואס איז נאך קיינמאל נישט געווען..."

עס איז מעגליך אז ווען איר וועט ליינען די שורות וועט מען שוין וויסן די אויסגאנג פון די וואלן, אבער בעת מיר שרייבן די שורות יאווען זיך די פילע אנאליזירער, פאראויסשאצער, אנקעטע נעמער מיט די פילע ציפערן וויפיל פראצענט די דעמאקראטן און די רעפאבליקאנער דארפן צו באקומען, וועלכע סטעיטס זענען זיכערע בלויע אדער רויטע, וויפיל זענען געגויגט, און וויפיל זענען ממש אייניג אז מען קען נישט וויסן צו וועמען עס וועט גיין

איך האף אז איר לאכט מיר שוין יעצט אויס, מיט וואס פארא נארישקייטן איז דער שרייבער פארנומען... וועם גייט אן די וואלן? מען קען גארנישט טון מיט דעם נייעס... מען קען נישט באקומען א בעסערע שלום בית דערפון, מען קען דערמיט נישט באצאלן די רענט, און עס מאכט נישט דעם איד פאר א בעסערע איד.

אבער אויב זאגט מען דאס יעצט אין די הויכפונקט פון די וואל סעזאן אין די לעצטע טעג איידער די וואלן, וועט מען מיר אנקוקן ווי געפאלן פון די לבנה, איין צד שרייט אז טראמפ איז היטלער, "די נאציס האבן אויך געמאכט א ראלי אין מעדיסאן סקוועאר גארדען!", און דער אנדערער זאגט אז העריס איז א וויסטער אנטיסעמיט און א קאמוניסט, "אויב זי געווינט מוף איך ארויס פון אמעריקע, איך מוף מיר קיין מאנסי!".

פאר די וואס זענען נייגעריג, פילע זאכן טוען אנדייטן אז טראמפ וועט עס מאכן דאס מאל, צוליב עטליכע סיבות: ערשטנס די פאולס ווייזן אז ער שטייט עטוואס פאראויס אין די קריטישע סווינג שטאטן. צווייטענס, לויט פילע אנאליסטן האט מען זיך געקענט רישן אז טראמפ וועט געווינען געוויס "עלעקטאראלא שטימען" צו ווערן ערוויילט, אפילו אויב ער באקומט ביז 3-4 פראצענט ווייניגער "פאפולערע שטימען" פון זיין קעגנער. לויט די יעצטיגע מצב שטייען זיי ביידע בערך אייניג אין דעם פעלד אויך. און דער דריטער אנדייטער איז אז מען זעט די טראמפ לאגער זענען אויפגעהייטערט ערווארטן א זיג, בעת די העריס לאגער זעט אויס אין פאניק און פארלוירן.

עס מוז נישט זיין אז טראמפ וועט זיין דער 47'סטער פרעזידענט פון אמעריקע, אבער אזויפיל איז זיכער אז אפטימיזם איז א שטארקע שליסל צו מצליח זיין, א מענטש וואס איז פרייליך און אויפגעלייגט - זאגט דער הייליגער רבי - וועט האבן הצלחה אין וואס ער טוט נאר. עס איז אזוי אינטערעסאנט צו לערנען די הייליגע בריוו פון מוהרא"ש אין שו"ת ברסלב, אלע סארטן מענטשן מיט אלע מיני שאלות און פראבלעמען, און כמעט אייביג שרייבט מוהרא"ש בערך די זעלבע ווערטער "דיין פראבלעם איז אז דו ביסט נישט פרייליך, טו אלע פעולות שבעולם זאלסט זיין פרייליך וועסטו זען ווי אלעס וועט זיך איבערדרייען לטובה".

און בנוגע די וואלן, לאמיר זיכער מאכן אז מיר האבן עפעס אין די הענט. "מה שביד בטוח", פלעגט מוהרא"ש זאגן. לאמיר זיכער מאכן אז מיר ווערן נישט פארבלענדעט פון די מידיע און זייערע נארישקייטן, טראמפ וועט נישט אויפשטעלן קיין גאז קאמער, און העריס וועט אונז נישט פארשיקן קיין סיביר. גיי אהיים צו דיין ווייב און קינדער, לערן א פסוק חומש, אביסלע משניות און גמרא, וואס דאס בלייבט אין מיין האנט.

**איך שטום פארן אייבערשטן!**



# אמעריקע'ס חובות פאר כינע

## שאלה

*איך וואונדער מיר איבער די פינאנציעלע ווירטשאפט צווישן אמעריקע און כינע (טשיינע):*

*1. איז עס אמת אז אמעריקע איז שולדיג טריליאנען פאר כינע, אויב יא פארוואס?*

*2. פארוואס האט נישט אמעריקע גענוג געלט צו דעקן אירע הוצאות בשעת כינע האט יא?*

*3. אויב אמעריקע האט נישט גענוג צו דעקן איר הוצאות, פארוואס געבט זי אויס אזויפיל?*

## ענטפער

קודם לאמיר קלאר מאכן פון וויפיל מען רעדט, היינט צוטאגס איז אמעריקע שולדיג פאר כינע כמעט א טריליאן דאלער, צו האבן א השגה ווי סאך דאס איז: אויב אנשי חיל וועט מאכן "יעדן טאג" א פרישע טשערידי קאמפיין אויפצוטרייבן מיליאן דאלער פאר צדקה, וועט עס נעמען בערך 3 גאנצע יאר אנצוקומען צו א טריליאן דאלער.

אמעריקע האט אבער אסאך מער חובות ווי דאס. בסך הכל האט אמעריקע בערך 35 טריליאן (35,000,000,000) דאלער חובות, די חובות פאר כינע איז נישט מער ווי בערך 3 פראצענט דערפון. זיבעציג פראצענט פון די חובות איז אמעריקע שולדיג פאר זיך אליינס. יא, איר האט גוט געליינט, אמעריקע בארגט פון איין טאש צו די אנדערע. אין דעם איז אריינגערעכנט חובות וואס די אמעריקאנער רעגירונג איז שולדיג פאר די פעדעראלע רעזערוו, די סאשעל סעקיוריטי טראסט פאנד, און אמעריקאנע פירמעס און אינסטיטוציעס. די איבעריגע איז אמעריקע שולדיג פאר אנדערע אויסלענדישע אינוועסטירער, רעגירונגען און בענק.

די אמעריקאנע פאליטיק לאזט נישט אמעריקע פירן א באלאנצירטע בודזשעט,ביידע פארטייען זענען מודה אז מען דארף אויסגעבן געלט אחריות'דיג, אבער "מיין" געלט זאלסטו חלילה נישט שניידן... דערפאר לעבט אמעריקע ווי א געספוילטע קינד וואס דער טאטע געבט אים יעדע זאך וואס גלוסט אים, איי עס איז נישטא קיין געלט, וועט מען נוצן דעם "קרעדיט קארד", אין אונזער פאל איז עס "באנדס".

די רעגירונג שטעלט כסדר ארויס אזא צעטל וואס דארט שטייט אז "אמעריקע איז שולדיג כך וכך פאר דער וואס האלט דעם שטר". די באנדס שטעלט די אמעריקאנער רעגירונג ארויס צום פארקויפן כסדר, און זאגט צו א סכום געלט ריבית במשך די צייט וואס זי האט דעם חוב. כינע קויפט כסדר באנדס פון פרעמדע לענדער כדי צו ערלייכן דערמיט איינפלוס אויף אויסלענדישע רעגירונגען.

די כינעזע רעגירונג וואס ווערט געפירט דורך איין פארטיי - די קאמוניסטישע פארטיי - פרעגט נישט זייערע בירגער וואס צו טון, און דערפאר קענען זיי זיך ערלויבן צו איינקויפן אויסלענדישע חובות דורך די געלט וואס קומט זיי אריין פון די פילע פאבריקן וואס פראדוצירן סחורה פאר גאר ביליג און ווערט צוכאפט דורך די גאנצע וועלט.

אז מען האט שוין דערמאנט דעם אנשי חיל קאמפיין, דארף מען דערמאנען אנשי שלומינו אז דער ראש ישיבה שליט"א האט געבעטן מען זאל מאכן א פרישע גאול, און כאטש מען האט ב"ה דערגרייכט צום סוף דער מיליאן דאלער, האט דער ראש ישיבה שליט"א זייער געבעטן אז מען זאל זיך אנשטרענגען און זיך ווידער אונטערנעמען א ציל. מען קען נישט בעטן יעדעם צו נעמען דעם זעלבן סכום, נישט יעדער איז איינער, אבער יעדער זאל אויפטרייבן די מערסטע מינוטן יעדן טאג צו זיין פרייליך. עס קומט יעצט א נייע יאר, זאל מען זען אז לכל הפחות "איין מינוט" יעדן טאג זאל מען זיין פרייליך, מען זאל ארויפקוקן צום הימל און זאגן פאר'ן אייבערשטן "ישר כח פאר מיין לעבן". און ווער עס קען זאל צולייגן נאך א מינוט דא, און נאך א מינוט דארט, און מיט דעם וועט מען דערגרייכן גאר הויך.

וועגן די חובות פון אמעריקע דארף מען זיך נישט זארגן, מען קען ווייטער לערנען און דאווענען, דער אייבערשטער נעמט שוין קעיר אז די עקאנאמיע זאל פארן גוט, און עס זאל נישט קומען קיין רעסעסיע, נישט קיין אינפלעיישאן, און נישט קיין קראך.

# מעשיות פון תפילה



## זלמן וויזל

בראכפעלד

1. איך האב זייער שטארק געזוכט די נוי סוכה וואס איך האב גענוצט פאר א יאר צוריק אבער איך האב עס נישט געקענט טרעפן. איך האב איבערגעדרייט די שטוב און געזוכט אין אלע שאפעס, אבער איין זאך האט מען נישט געטון געבעטן דעם אייבערשטן.

איך האב צוגעזאגט א מעשה פון תפילה פארן בלעטל און איך האב אנגעהויבן זוכן נאכאמאל. שכח אייבערשטער איך האב עס געטראפן ביי א פלאץ ווי איך האב שוין פארדעם געזוכט, נאר אן תפילה טרעפט מען גארנישט!

אויך האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן סכך פאר די סוכה. שכח אייבערשטער אז מיין מיטארבעטער האט מיר געזאגט אז ער האט פאר מיר סכך בחינם!

אויך האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל האבן א שיינע ריינע אתרוג. שכח אייבערשטער אז איך האב געהאט זייער א שיינע אתרוג!

2. איך האב געבעטן דעם אייבערשטען אז איך זאל האבן א גרינגע וועג קיין אומאן ראש השנה שכח אייבערשטער אז איך האב געהאט גאנץ א גרינגע נסיעה.

3. איך האב פארלוירן די האנטעך מיט די זעקל פון מקוה אינעם בנין אין אומאן, איך האב עס נישט געקענט טרעפן, איך האב געזוכט אין יעדן פלאץ אבער אן ערפאלג. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל איך עס טרעפן, אויך האב איך האב צוגעזאגט א מעשה פון תפילה. שכח אייבערשטער איך האב עס גלייך געטראפן.

## אברהם הערש וועבערמאן

קרית ברסלב

איך האב געהאט א טיקעט פאר א זאך וואס קען זיין פוינטס אויף די לייסענס, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן זיי זאלן נישט געבן קיין פוינטס, שכח אייבערשטער אז זיי האבן זיי עס געטוישט פאר א פארקינג טיקעט.

## אלחנן זויבערמאן

צפת

1. איך האב זייער אסאך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל יעדן טאג גיין דריי מאל אין שול דאווענען, ס'איז אלץ געווען זייער שווער ווייל די נעגטסטע שול איז מיר געווען א גאנצע בארג ארויף. שכח אייבערשטער איין טאג האט זיך א נייע שול געעפנט פארנט פון מיין הויז...

2. כ'האב געדארפט גיין אפנעמען א ארדער פון אן אויספארקויף, דארט גייט עס אז מ'דארף אליין צאמנעמען די זאכן פון די גאנצע שטח, אנהייב איז נאר פרויען און נאכדעם איז פאר מענער.

איך האב מיך זייער געיאגט און ס'איז נאך געווען די צייט פון די פרויען. האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז אלע פרויען זאלן שנעל ענדיגן און די מענער זאלן קענען אריינגיין. ברוך השם אז ממש נאך אפאר מינוט איז דארט ליידיג געווארן פון פרויען, איך האב שנעל צאמגענומען מיינע זאכן בשעת'ן זיך אונטערברומען דעם ניגון 'דער אייבערשטער איז דא'.

## יואל משה פליישמאן

קרית ברסלב

1. מיין טאכטער האט אראפגעשלינגען א גרויסע סקרול, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל ארויסקומען פון איר אן קיין שום שאדן.

בשעת'ן אריינפארן אין שפיטאל האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל נאך קענען אניאגן צו מזכיר זיין ביים ראש ישיבה, אזוי אויפן וועג צום ראש ישיבה האב איך געזען אז ער פארט יעצט אוועק ערגעץ מיט זיין זון.

איך האב גערופן זיין זון ער זאל פרעגן דעם ראש ישיבה אויב איך קען מיך יעצט מזכיר זיין, און ברוך השם אז איך האב מיך געקענט מזכיר זיין און באקומען א ברכה אז אלעס וועט זיין גוט, מ'זאל זיך גארנישט זארגן. שכח אייבערשטער ס'איז ארויסגעקומען און אלעס איז בסדר מיט איר.

2. איך האב געדארפט א לייט פאר מיין סוכה, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן פאר דעם, איך האב גערופן וויזניץ סוכה סענטער אויב איך קען קויפן ביי אים און אז ס'וועט קומען א אינגערמאן פון ברסלב"ע שטעטל וועט ער עס קענען ברענגן.

אזוי אינמיטן רעדן צו אים זאגט ער מיר אז איינער פון ברסלב איז יעצט אריינגעקומען קויפן, און די מעשה ענדיגט זיך נאך בעסער, אז דאס איז געווען מיין שכן וואס וואוינט ממש נעבן מיר

3. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך דארף חומשים פאר מיינע תלמידים פון מיין קלאס, דא אין ספרים סטאר איז עס נישט געווען צו באקומען צוליב א מאנגל פון די קאמפאני. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל יא קענען האבן די חומשים. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען פון ערגעץ שאפן די סארט חומשים.

ס'איז מיר בייגעפאלן צו רופן איינער וואס וואוינט הארט נעבן א סטאר אין א אנדערע געגענט וואס דארט איז יא דא די חומשים, און ברוך השם ער האט מסכים געווען צו גיין זען אויב זיי האבן נאך, און יא זיי האבן נאך געהאט גענוג.

אבער יעצט האב איך געדארפט האבן איינער זאל עס אהערברענגען, איך האב ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן פאר א וועג, און אפאר מינוט נאכדעם האט מיר גערופן די מלמד מו"ה יושע ראבינאוויטש הי"ו און ער זאגט מיר אז ער איז יעצט אין דעם סטאר, איך בין אויפגעשפרינגען פון פלאץ פון די געוואלדיגע מעשה פון תפילה וואס ס'קומט דא פאר, איך האב אים פארציילט אז ממש יעצט האב איך געקויפט דארט חומשים און איך זיך א וועג, און די רגע האסטו אריינגערופן.

## מרדכי אהרן היילפרין

קרית ברסלב

איך האב פארלוירן די טעלעפאון אין וואלד אינמיטן פאררעכטן דעם עירוב, ס'האט גערעגנט דעמאלט, איך בין שפעטער צוריקגעגאנגען זוכן דעם טעלעפאון, די פראבלעם איז געווען אז די טעלעפאן איז געווען אויף ווייבערעיט, אבער איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס טרעפן גלייך.

שכח אייבערשטער ממש נאך אפאר סקונדעס האב איך עס געטראפן.

# וויצן מיט טארטילע

## מ'גיימיר

מיט'ן אייבערשטן'ס הילף אויסשטעלן די אגענדע אויפ'ן יארע תשפ"ה.

מ'גיימיר מאכן א שטיקל פלאן,
א שטיקל forecast, אז ס'זאל נישט פאסירן וואס קען פאסירן, חלילה, אז ס'לויפט דורך טעג און וואכן אן עפענען א ספר.

מ'גיימיר אנהייבן מיט "בעיסיק". און אויב די "בעיסיק" וועט אנהאלטן פאר א שטיק צייט אן קיין שטרויכלונג, דענסמאל וועלן מיר אויסטון די "בעיסיק" היטל און אנטון די "עדוועניסד" יוניפארם, מיר גייען נישט ארויף אין כתה א', נאר נאכן prove'ן אז מיר האבן גראדואירט פון קינדערגארטן.

איינס פון די מנהגים אין אונזער קינדערגארטן איז אז מ'וואשט נעגל וואסער ביים בעט איידער מ'לייגט אראפ די פיס (אנגעגרייט פון ביינאכט כנהוג אצל ילדים קטנים וואס מ'האט זיי נאך נישט אריינגעשלאגן אין קאפ די באקטעריע אז אויב מ'לערנט נישט א האלבן דף פאר דריי חדשים אדער מער הייסט עס נישט געלערנט תורה).

מ'זאגט א קליינע תפלה צום באשעפער און מ'בעט דעם אייבערשטן אז מ'זאל געדענקען א גאנצן טאג אז דער אייבערשטער איז דא.

מ'פירט זיך מיט א גרויסע קפידה ס'זאל נישט אדורך גיין א טאג אן א פרק משניות און א דף גמרא, ונוהגים להקפיד מאוד על זה ואפילו אם לא יוכל להגיע לה'דזשערקי וואכנאכט של ה'קאזן השלישי (דריט"ע קאז"ן בלע"ז) בשביל לימודו, אין לחשוש על זה, והקאזן השלישי בודאי ימחול לו על זה שמקפיד ללמוד תורה בכל יום ויום. וכן סומכים על השיטה שאומרים שלפעמים מצויים אנשים ההולכים פנוי (שקורין בלע"זליידיג-גייע"ר או גאסן-מעסטע"ר שמודד רחובות העיר מבוקר ועד ערב ואינו פותח ספר ווייל זאגן הייסט נישט געלערנט) ומחפשים מקום לאכול דזשערקי ו'בריסקעט שלא לסור מדרך אבותיו ואבות אבותיו שאכלו דזשערקי ו'צינגפלייש בעיר הוידיקישקיש.

אופני הלימוד משניות וגמרא הוא כדלהלן, אם לא פתח ספר לאיזה זמן (כמו איזה ימים או איזה שבועות רחמנא ליצלן) אז מוכרח תיכף ומיד לחטוף דף גמרא ופרק משניות במהירות גדול (הנקרא "עמערדזשענסי" במדינת אמעריקא) ואפילו בלי הבנה כלל, ואף אם יבא אליו היהודי היפה (דע"ר שיינע"ר אי"ד בלע"ז) ויאמר לו שאין זה נקרא לימוד, וששמע כן בפירוש מהחתול של זקינתו (פון די באבע'ס קעצעלע) לא יטה אוזן קשבת להדברי נאצה של הקעצעלע, וימשיך בלימודו, כי האותיות הקדושים של התורה ינקה את נשמתו מכל הדברים הלא טובים שראה או שעשה או שחשב או שדיבר ר"ל, כי המאור שבה יחזירו למוטב.

שחרית פירט מען זיך צו דאווענען מיט א סידור, די וואס פירן זיך צו זאגן אסאך משניות זעט מען אויף זיי א רואיגקייט ביים דאווענען, מ'זעט נישט אויף אים די סארט צושפרינגענקייט ווי ביי איינעם וואס לערנט נישט יעדן טאג תורה.

מ'פירט זיך צו געדענקען א גאנצן טאג אז קיינער קומט מיר גארנישט, אלעס פירט זיך פון הימל, מ'רעדט שיין צו יעדן (ס'איז נישט אזוי שווער צו געדענקען, ס'איז בערך אזוי ווי יענער געדענקט יעדע פערטל סקונדע צו קוקן אין די טעלעפאון וועלכער דיוועלאופער וואס באצאלט נישט די sub'ס האט יעצט געלייגט א בילד פון זיין bone in פלאנקען אין די סטעיק האוז) און אויב מ'פארגעסט זיך און מ'הייבט אן פארלאנגען און באפעלן און טעראריזירן שעפשעט מען שנעל א תפילה, הייליגער באשעפער ראטעווע מיך פון מיינע כעס אויסברוכן, באשעפער שיק מיר זאפארט א טרענקווילייזער איך זאל מיך בארואיגן, טאטעניו שיין מיר אריין א רוח טהרה אין מיין צושויבערטן מח אז איך זאל נישט אויסגוסן מיינע פראבלעמען אויף די וואס זענען געאגראפיש נאנט צו מיר.

מען פירט זיך צו דאווענען מיט מנין אומאפהענגיק צו דער ראש הכולל זעט יא אדער נישט, מען פירט זיך צו האלטן די זעלבע תורה אויף וואקאציע פונקט אווי אינדערהיים ביי זיך אין די פישזאפט געגנט

מ'מאכט א חשבון הנפש יעדן טאג, דאס הייסט אזוי, אויסער בעטן דעם אייבערשטן אלעס וואס מען דארף, גייט מען אויך אריין פאר א צוויי דריי מינוט אין די "בוקקיפינג רום", מ'גייט אריין אין די גאנצע קאלקולאציע פון די גאנצע סיטואציע, וויפל יאר בין איך שוין דא אויף דעם עולם? ווער האט מיך געשיקט דא? וואו גיי איך גיין נאכ'ן ענדיגן מיין שליחות? (די נשמה גייט ארויף, די גוף גייט אראפ) און וואס איז מיין שליחות? מיין שליחות איז, וועלכע גוטע זאך קען איך טון יעצט? מיין שליחות איז אז איך דארף טראכטן פאר איין רגע אז דער באשעפער איז דא מיט מיר, און ער האט ליב

## איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

אז איך רעד צו אים און שמועס מיט אים אזוי ווי מ'שמועסט מיט א גוטן חבר. דער באשעפער האט ליב אז איך קוק אויף די גוטע זאכן וואס איך האב, און בעט אויף די זאכן וואס דרוקן מיך. און אויב איך זע אין די בוקקיפינג אז איך דארף טון בעסער הייב איך שוין אן פון יעצט, א מענטש איז יעדע רגע ניי געבוירן, מ'קען יעדע רגע אנהייבן פון ניי.

מ'פירט זיך אהיים צו גיין פון ארבעט אין מענטשליכע שעות, נישט די ארבעט געבט סאטיספאקציע אין לעבן, די ווארימע געשמאקע היים געבט סאטיספאקציע אין לעבן, מארגן איז נאך א טאג, פרנסה קומט פון באשעפער, מ'ארבעט נישט ווייל ארבעט ברענגט געלט, מ'ארבעט ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן מ'זאל טון פאר פרנסה, מ'געדענקט אז די ווייב און קינדער איז די עיקר ביזנעס, און אודאי נישט חלילה פארפאסן א מנחה מחמת גרויס געטריישאפט צו די ביזנעס, מ'פירט זיך צו מאכן פרנסה מיט אזוינע געלט וואס איז געמאכט צו נוצן פאר רענט / מארטגעדזש, לעקטער, וכולי, וכולי, מ'שטייט ווייט פון געלט וואס איז נישט פאר פרנסה, נאר אבי צו ווייזן אז איך האב מער ווי דו, מ'שטייט ווייט פון די נעבעכדיגע זאך פון וועלן האבן א "עקסטערע מיליאן דאלער" נאך אלע הוצאות, געב מיר א מיליאן דאלער אז אויב איך וועל עפעס דארפן נאך דעם וואס איך האב שוין וואס איך דארף זאל איך נישט בלייבן שטעקן... אוי נעבער נעבער...

מ'פירט זיך מיט די מנהג פון די צדיקים אז אנשטאט צו געבן א הונדערט טויזנט ביים דינער און נאכדעם נישט געבן פאר אידן וואס קומען בעטן א דאלער צוויי, מאכט מען ענדערש זיכער אז קיין שום צובראכענער משולח זאל נישט ווערן ווי געטון פון מיר חלילה.

מ'איז זיך משתדל אז ווען מ'קומט אריין אין שטוב זאל מען פילן אז א פרייליכער מענטש איז אריין געקומען, עס שאדט נישט צו כאפן א טענצל, ס'איז דא וואס פירן זיך אז מ'לייגט די גלעזער אויפ'ן שטערן און מ'פרעגט די קליינע קינדער וואו האב איך געלייגט מיינע גלעזער?! ווער האט געזען מיין גלעזער?! און די חברה קייקלען זיך פאר געלעכטער, פאר די עלטערע קינדער זאגט מען אזוי, איינמאל איז געווען א מענטש וואס ס'האט אים געפעלט א שרויפעלע, ער איז געווען אזא גרויסער שוטה, אז מ'האט געמיינט אזא ער גייט קיינמאל נישט קענען חתונה האבן, דערווייל האט ער חתונה געהאט די מערסטע פון יעדן! אדער כאפט מען אן די קינד'ס הענטעלע און מ'זאגט כ'האב געטראפן א הענט! וועמענ'ס הענט איז דאס? ווי אזוי ווייסטו אז ס'איז דיין הענט? ס'שטייט דיין נאמען אויפ'ן הענט?! דער קליינער באלי'ט זיך פאר געלעכטער...

אדער דערציילט מען ווי יענקל גולם האט געעפנט א געשעפט פון אנצוגן, גע'יכול'ט האט ער ווי א צוויי יעריגס, קומט אריין א יוד קויפן א רעקל, זאגט ער פאר יענקל'ען די רעכטע ערמל איז דאך קערצער ווי די לינקע, זאגט יענקל אויב אזוי דארפסטו דיך בייגן אביסל אויף אראפ צו, אביסל אויף רעכטס, זאגט דער יוד, יעצט מאכט זיך נישט צו די אויבערשטע קנעפל, זאגט יענקל ווי א מומחה, דארפסט דיך בייגן נאך א טראפקעלע וועט עס גוט זיין, זאגט דער יוד, יעצט דרוקט מיר ביי די לינקע פלייצע, זאגט אים יענקעלע דו דארפסט אביסל איינבייגן די קניען. דער יוד גייט ארויס און טרעפט א באקאנטן, פרעגט אים יענער וואס מאכסטו? שוין נישט געזען עטליכע יאר, פון וואו קומסטו? זאגט ער כ'האב יעצט אקארשט געקויפט דעם רעקל דא ביי יענקל, זאגט אים דער באקאנטער אז דער יענקל האט געמאכט א רעקל פאר אזא קריפל ווי דו איז ער א מייסטער שניידער!

די גאנצע הויז שאקלט זיך פאר געלעכטער, דער טאטע קראכט וויצן און זאגט משניות, די מאמע באקט קאקאש קעיק און לאזט די קינדער שמירן די קאקאו מיט די בלויזע הענט. די פאפקארן מאכט א פראטעסט אין די מייקראוועיוו, ס'קלאפט און ס'האקט אז מ'דארף זיי באפרייען פון דארט און אריינלייגן אין א אידישן גוף. דער דרייצן יעריגער משה'לע פרעגט צו מ'קען האבן טארטילע טשיפס מיט s'mores (א סענדוויטש, טארטילע אויבן, טארטילע אונטן, יעצט-געגרילטע s'mores אינמיטן, מיט א שפרעינקעלע קראשד האט פעפער, להגדיל ה'טראסק, אוי די היינטיגע יונגווארג!!!! שרעקליך!!!! איין שטיק גשם!!!! מ'מוז אסר'ן געגרילטע s'mores! מ'מוז אסר'ן יעדע סארט טשיפס! דאס וועט ראטעווען די יוגנט!) ווייל ער האט געענדיגט מסכת ברכות אויפ'ן וועג צו ענדיגן ש"ס.

לויט'ן פלאן פון די איצטיגע אגענדע האפט מען זיך צו זען סוף תשפ"ה מיט עטליכע הונדערט דפים גמרא און מיט קינדער וואס זוכן נישט צו אנטלויפן פון אידישקייט, אזעלכע פרייליכע וויצן מיט טארטילע איז נישט דא אין די גאנצע וועלט.

> מען פירט זיך צו האלטן די זעלבע תורה אויף וואקאציע פונקט אזוי אינדערהיים ביי זיך אין די פישזאפט געגנט.

# א מעשה
## פון א צדיק



# דֶער רוֹצֵחַ טוּט תְּשׁוּבָה

אִין אוּמַאן פַאר דִי עֶרְשְׁטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה הָאט גְעווּאוֹינְט אַ פְּרָאסְטֶער מְגוּשָּׁם'דִיגֶער בַּעַל הָעֲגָלָה מִיטְן נָאמֶען 'מֹשֶׁה צָדוֹק', עֶר אִיז לֵיידֶער גְעוָוארְן אַ רוֹצֵחַ, אוּן גֶע'הַרְגְ'עֶט פִיל מֶענְטְשְׁן רַחֲמָנָא לִצְלָן. עֶר הָאט זִיךְ צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט מִיט דִי קַאמוּנִיסְטְן וָואס הָאבְן זִיךְ דֶעמָאלְטְס גֶערוּפְן 'בַּאנְדֶעס'. אִין רוּסְלַאנְד הָאט זִיךְ דֶעמָאלְטְס גֶעטוּן אַן אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שׁוּם פַּחַד פוּן דִי רֶעגִירוּנְג, אוּן גַאנְצֶעטֶע גְרוּפֶּעס רוֹצְחִים הָאבְן זִיךְ צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט, גֶעגַאנְגֶען פוּן שְׁטָאט צוּ שְׁטָאט פוּן דֶערְפְל צוּ דֶערְפְל אוּן גֶע'רַצְחְ'עֶט דִי גְבִירִים רַחֲמָנָא לִיצְלָן אוּן גֶערוֹיבְּט זֵייעֶר גֶעלְט.

דֶער מֹשֶׁה צָדוֹק הָאט זִיךְ אוֹיךְ מִיטְגֶעכַאפְּט אוּן הָאט לֵיידֶער גֶע'הַרְגְ'עֶט אַסַאךְ אִידְן. אָבֶּער וִויבַּאלְד אַ אִיד וֶוערְט גֶעבּוֹירְן מִיט גוּטְ'ס, הָאט עֶר כְּסֵדֶר חֲרָטָה גֶעהַאט אוֹיף זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים אוּן נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וְויאַזוֹי מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען דִי פְּרָאבְּלֶעם אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזַא בַּאוואוּסְטֶע רוֹצֵחַ, בְּמֵילָא הָאט קֵיינֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט הָאבְן קַיין שַׁיְיכוּת מִיט אִים.

אֵיין טָאג אִיז מֶען אִים גֶעקוּמֶען זָאגְן אַז זַיין טַאטֶע אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, אָבֶּער עֶר אִיז גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט דִי רְצִיחוֹת אַז עֶר אִיז אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי לְוָיָ'. שְׁפֶּעטֶער אִיז אַרַיין אִין אִים אַ מוֹרָא'דִיגֶע הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַרַיינְגֵיין אִין אַ שׁוּל זָאגְן קַדִּישׁ. אָבֶּער מֶען הָאט אִים נִישְׁט אַרַיינְגֶעלָאזְט, וַוייל אַלֶע הָאבְן גֶעווּאוּסְט פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים. עֶס הָאט אָבֶּער גֶעבְּרֶענְט אִין אִים תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט זָאגְן אַ קַדִּישׁ פַאר זַיין טַאטֶע, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען פוּן אֵיין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ צוּ דִי אַנְדֶערֶע, אָבֶּער בַּיי קַיין אֵיין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הָאט מֶען אִים נִישְׁט גֶעלָאזְט אַרַיינְקוּמֶען. דִי לֶעצְטֶע בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען פְּרוּבִּירְן בַּיי דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ קְלוֹיז, עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט פוּן אוּנְטֶען נֶעבְּן דִי אוֹיוְון, אוּן אַזוֹי גֶעזָאגְט קַדִּישׁ, עֶר הָאט גֶעצִיטֶערְט יֶעדֶע רֶגַע אַז מֶען גֵייט אִים אַרוֹיסְוַוארְפְן, אָבֶּער דִי שְׁטֵייגֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ אִיז נִישְׁט צוּ פַארְטְרַייבְּן אוּן דֶערְוַוייטֶערְן קַיין שׁוּם אִיד, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעזָאגְט קַדִּישׁ אָבֶּער אָן טַלִית אוּן תְּפִילִין, וַוייל עֶר הָאט פָּשׁוּט נִישְׁט גֶעהַאט.

ר' יַעֲקֹב פוּן שְׁטָאט זִיטָאמִיר הָאט דָאס צוּגֶעזֶען אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט: "מֹשֶׁה צָדוֹק אַז בִּיסְט שׁוֹין דָא לֵייג כָאטְשׁ טַלִית אוּן תְּפִילִין." מֹשֶׁה צָדוֹק הָאט עֶס אָנְגֶעטוּן מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, וַוייל וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי ר' יַעֲקֹב זִיטָאמִירֶער קוּמְט צוּ צוּ אִים הָאט עֶר זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן, אַז מִן הַסְּתָם קוּמְט עֶר אִים אַרוֹיסְוַוארְפְן אַזוֹי וִוי מֶען הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט פוּן אַלֶע בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים בִּיז אַהֶער, אוּן דָא נִישְׁט נָאר מֶען פַארְטְרַייבְּט אִים נִישְׁט, נָאר מֶען גֶעבְּט אִים נָאךְ טַלִית אוּן תְּפִילִין, אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

ר' יַעֲקֹב זִיטָאמִירֶער הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט אִים דִיבּוּרִים פוּנֶעם רֶבִּי'ן, עֶר הָאט אִים שְׁטַארְק אוֹיפְגֶעלֶעבְּט, בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶע בַּעַל תְּשׁוּבָה, עֶר הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט וַואקְסְן בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, אוּן אִיז גֶעקוּמֶען דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג צוּזַאמֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ. זַיינֶע תְּפִלּוֹת זֶענֶען גֶעוֶוען מִיט שְׁטַארְקֶע בְּכִיּוֹת. אַזוֹי וַוייט אַז זַיינֶע אוֹיגְן זֶענֶען גֶעוָוארְן אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן אַזוֹיפִיל וֵויינֶען, אוּן זַיין פָּנִים אִיז גֶעוֶוען נַאס פוּן טְרֶערְן.



שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ, בִּשְׁעַת דִי קַאמוּנִיסְטְן זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין מַאכְט אוּן פַארְמַאכְט אַלֶע בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים אוּן מִקְוָאוֹת, הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ מִקְוֶה טָהֳרָה אִין זַיין פֶערְדְן שְׁטַאל אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט כַאפְּן אוּן בַּאמֶערְקְן, אוּן אַזוֹי הָאבְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ גֶעהַאט אַ מִקְוֶה.

מֶען זֶעט דִי כֹּחַ פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז אֲפִילוּ דֶער גְרֶעסְטֶער מְגֻשָּׁם אוּן רוֹצֵחַ קֶען צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**(אשר בנחל חלק ס"ב מכתב י"ב תרסה)**



# דעם הייליגן רבי'נס לעבנסגעשיכטע

צ"ב

## פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל.
רֶבִּי נָתָן עֶסְט דִי סְעוּדָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן שְׁפִּירְט וִוי דֶער רֶבִּי רֶעדְט צוּ אִים בַּיים זִינְגֶען דִי זְמִירוֹת.

פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס, פַּרְשַׁת נִצָּבִים, הָאבְּן רֶבִּי נָתָן מִיט ר' נַפְתָּלִי גֶעגֶעסְן דִי סְעוּדָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט שֵׁיין גֶעזִינְגֶען אוּן אוֹיסְגֶעצוֹיגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי נִיגוּנִים מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זִיסְקֵייט אוּן דְבֵיקוּת, בִּיז רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעשְׁפִּירְט בַּיי יֶעדְן שְׁטִיקְל אַז דֶער רֶבִּי רֶעדְט צוּ אִים.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזִינְגֶען "אֵשֶׁת חַיִל", עֶס אִיז בַּאקַאנְט בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דֶער נִיגוּן אוֹיף וָואס דֶער רֶבִּי הָאט עֶס גֶעזִינְגֶען, וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי וֶוערְטֶער "כַּפָּהּ פָּרְשָׂה לֶעָנִי" - אִירֶע הֶענְט שְׁפְּרֵייט זִי אוֹיס פַאר'ן אָרֶעמַאן, הָאט דֶער רֶבִּי אִיבֶּערְגֶע'חַזְרְ'ט דִי וֶוערְטֶער אַסַאךְ מָאל, בִּיז עֶר הָאט צוּגֶעעֶנְדִיגְט "וְיָדֶיהָ שִׁלְּחָה לָאֶבְיוֹן" - אוּן אִירֶע הֶענְט הָאט זִי אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְט צוּם אָרֶעמַאן. וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען פַאר שִׂמְחָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי קְלֵיין בַּיי זִיךְ, עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן אַלְס דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ, אַן עָנִי וְאֶבְיוֹן בְּרוּחְנִיּוּת, אוּן דָא חַזְרְ'ט דֶער רֶבִּי אִיבֶּער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אַז עֶר וֶועט אוֹיסְשְׁפְּרֵייטְן זַיין הַאנְט צוּ אִים אוּן אִים בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְנָאךְ, וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם פָּסוּק "עֹז וְהָדָר לְבוּשָׁהּ וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן", אִיז רֶבִּי נָתָן מַמָּשׁ אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן מְתִיקוּת, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט פוּן דֶעם זִיסְן גֶעשְׁמַאקְן נִיגוּן אַז דֶער רֶבִּי אִיז אִים מְרַמֵּז אַז עֶר דַארְף זִיךְ אָנְטוּן מִיט "עֹז וְהָדָר", אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט עֶר צוּקוּמֶען צוּ "וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן", וֶוען עֶס וֶועט אָנְקוּמֶען דֶער לֶעצְטֶער טָאג, וֶועט עֶר הָאבְּן מִיט וָואס זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן.

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מַאכְט קִידוּשׁ, וָואס יֶעדֶעס וָוארְט הָאט אוֹיפְגֶעלָאכְטְן דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ, בִּיז מְ'הָאט מַמָּשׁ גֶעשְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָארְט.

נָאכְ'ן זִיךְ וַואשְׁן אוּן עֶסְן דִי הַמּוֹצִיא, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזִינְגֶען "אַתְקִינוּ סְעֻדָתָא", וִוי זַיין סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעצוֹיגְן דִי וֶוערְטֶער "נְזַמִּין לָהּ הַשְׁתָּא בִּפְתוֹרָא חַדְתָּא", דַאן הָאט רֶבִּי נָתָן זִיךְ דֶערְמַאנְט דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים הַיינְט גֶעזָאגְט "אִיךְ וֶועל אַייךְ פִירְן גָאר אוֹיף אַ נֵייעֶם וֶועג".

דִי וֶוערְטֶער "לְהִתַּקְפָא חַלָּשִׁין", הָאט דֶער רֶבִּי אִיבֶּערְגֶעזָאגְט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל מִיט גְרוֹיס הִתְעוֹרְרוּת. רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְן אַז דִי וֶוערְטֶער "לְהִתַּקְפָא חַלָּשִׁין" בַּאגְלֵייטְן אִים זַיין גַאנְץ לֶעבְן, וִוי אַזוֹי דֶער רֶבִּי כַאפְּט אָן אַלֶע שְׁוַואכֶע אוּן עֶר שְׁטַארְקְט זֵיי, עֶר אִיז זֵיי מְחַזֵּק, אַז זֵיי זָאלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן חַס וְשָׁלוֹם, עֶר אַנְטְפְּלֶעקְט זֵיי אַז זֵיי הָאבְּן נָאךְ אַ הָאפֶענוּנְג.

אִינְמִיטְן דִי סְעוּדָה הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, "אִין אָנְהוֹיבּ וֶוען אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען דָא אוֹיף בְּרֶסְלֶב, בִּין אִיךְ אַמָאל גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים טִיר פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶע'מוּסָרְ'ט דֶעם עוֹלָם וֶועגְן דַאוֶוענֶען, פַארְוָואס זֵיי דַאוֶוענֶען נִישְׁט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעזָאגְט אַז מְ'הֶערְט נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם פוּן דִי מִתְפַּלְּלִים קַיין שׁוּם קְלַאטְשְׁן!"

דַאן אִיז דֶער רֶבִּי אַרַיין אִין אַ לֶענְגֶערֶע שְׁמוּעֶס אִיבֶּער דֶעם, בִּיז עֶר הָאט גֶעזָאגְט דֶעם מַאֲמָר וָואס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן מ"ד, וָואס רֶעדְט אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן קְלַאטְשְׁן מִיט דִי הֶענְט בַּיים דַאוֶוענֶען.

**וָואס הָאט זִיךְ וַוייטֶער אָפְּגֶעשְׁפִּילְט**
**לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה**

# קוק אהער

## יום טוב ביים רבי'ן

א

איך מאך מיר א חשבון, ס'שוין שפעטער ווי איך האב געמיינט, ביז איך וועל אנקומען אין שול וועט דער ראש ישיבה שוין זיכער האלטן אינמיטן פארלערנען, איך וויל נישט פארפאסן גארנישט. איך גיי יעצט זאגן קרבנות אויפן וועג, אזוי ווען איך קום אן, קען איך גראד גיין צום שיעור, און ערשט נאכן שיעור וועל איך גיין אין מקוה. יא א גוטע פלאן ס'שטימט פיין!

איך ענדיג אפ קרבנות, איך קום שוין אט אט אן צום שול, ביז ענדליך שטיי איך שוין אינדרויסן פונעם גרויסן סוכה, איך כאפ א בליק אריין, יא דער ראש ישיבה לערנט שוין פאר... איך לויף שנעל אריין אין שול, איך לייג אראפ מיין טלית מיט די ד' מינים אויף מיין פלאץ, און איך לויף שנעל אין סוכה...

אזוי ווי איך קום אריין אין סוכה פרעגט מיר גראד דער ראש ישיבה "האסט שוין געשאקלט די ד' מינים??"

"ניין!"

"אין מקוה ביסטו שוין געווען?"

" ניין!"

"וואס איז מיט דיר, וואס מיינסטו מ'לערנט דא פאר? דא וועסטו הערן אז דער ערשטע זאך יום טוב אינדערפרי לויפט מען אין מקוה, און מ'נעמט די ד' מינים! ווען האסטו געפלאנט צו שאקלען ד' מינים?"

"פאר הלל..."

"פאר הלל??? צדיקים פלעגן אויפבלייבן א גאנצע נאכט און קוים געווארט צו קענען שאקלען די ד' מינים ווי נאר עס הייבט אן טאגן! לויף אין מקוה און נעם די ד' מינים!"

אזוי האב איך טאקע געטון. איך בין געלאפן אין מקוה, געכאפט מיין ד' מינים, און צוריקגעלאפן צום סוכה מאכן די ברכות.

שטיי איך דארט ביים עק סוכה - הארט נעבן די טיר מיט די ד' מינים, איך מאך די ברכות, איך הייב אן מאכן נענועים, אינמיטן זאגט מיר דער ראש ישיבה: "געב א טאנץ!" האב איך גלייך געפאלגט און געגעבן א טאנץ מיט די ד' מינים... "געב נאך א טאנץ! מ'דארף זיך אזוי פרייען מיט די ד' מינים!" רופט זיך דער ראש ישיבה אן צו מיר.

"אמאל איז געווען דא איד - פארציילט דער ראש ישיבה - ביים דאווענען האט ער געמאכט אינטערעסאנטע תנועות... ער איז געשפרינגען און געטאנצן, איינער קומט מיר ווייזן אזוי אויף דעם איד... אז ער איז נישט מסודר.... ס'קוקט אויס פאני... וואס מאכט ער אזעלכע אינטערעסאנטע תנועות?!"

"מ'דארף נישט יענעם נאכמאכן אבער וואס מאכסטו חוזק אז דער אידל פלאקערט אריין אינעם דאווענען? דו האלטסט נישט ביי דעם, קיינער האט נישט אויף דיר קיין טענות, אבער וואס איז די זאך פון יענעם אוועקמאכן?

ליידער האסטו דאך אויך דיין פלאץ וואו דו ווערסט צופלאקערט, וואו דו טאנצט און דו לויפסט... השם ישמרנו... שוין, יענער טאנצט ביים דאווענען, א מחי'!"

שפעטער ווען איך האב זיך צוגעזעצט ביים שיעור האט דער ראש ישיבה געפרעגט וואו איך האב געזען די זאך פון שאקלען ד' מינים פאר הלל.

האב איך געזאגט אז אין די שול וואו איך פלעג דאווענען איז אזוי געווען איינגעפירט...

דער ראש ישיבה האט געזוכט צו זען פון וואו נעמט זיך אזא מנהג, וואס איז פשט אין דעם? החתן אשר ראנד האט געזאגט אז אפשר קומט דאס פון דעם וואס אידן פלעגן דאווענען ותיקין, האבן זיי נישט געקענט שאקלען פארן דאווענען, מילא פלעגן זיי ווארטן ביז נאך שמונה עשרה, און ערשט דעמאלט נעמען די ד' מינים פאר הלל...

דער ראש ישיבה האט זייער הנאה געהאט פון דעם, דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער זאגט זייער גוט, אבער די וואס מאכן היינט אזוי ווען מ'דאווענט שפעטער, האט א פנים ווי די שול וואס מ'פלעגט זיך אויסדרייען צו דרום זייט ביי כגוונא...

קענסט נישט די מעשה?! אמאל איז נישט געווען כגוונא געדרוקט אין די סידורים, ס'איז געהאנגען א גרויסן טאוול אינעם שול אויף דרום וואנט, דער גאנצער עולם פלעגט זיך אויסדרייען פרייטאג צונאכטס ביי כגוונא צו דרום וואנט, צו קענען זאגן דעם שטיקל.

שפעטער מיט די יארן האט מען עס

# דאס און יענץ מיט א טיפערע ארייינבליק

**ישראל דוד העסקעל**



שוין ארייגעדרוקט אינעם סידור, אבער מ'פלעגט זיך ווייטער אויסדרייען צו דרום וואנט אן אפילו וויסן פארוואס, ס'שוין געווארן א גאנצע מנהג.....

דער ראש ישיבה האט פארגעלערנט אינעם סידור עת רצון די ערשטע שטיקל פון מה אשיב.

דער ראש ישיבה האט זיך אפגעשטעלט ביי די שטיקל פון 'כוס' ישועות אשא ובשם השם אקרא' און געזאגט אז אין קבלה שפראך איז 'כוס' דינים, ווייל 'כוס' באטרעפט 86 כמנין 'אלוקים', זאגט מוהרא"ש 'כוס ישועות אשא' ווען א מענטש האט דינים 'ובשם ה' אקרא' זאל מען ווייטער דאנקען דעם אייבערשטן וואס די שם הוי"ה איז רחמים.

דער ראש ישיבה האט זיך אפגעשטעלט און געפרעגט אויב איינער האט געטראפן א אינגערמאן פון אנשי שלומינו אין אומאן מיטן לעצטן נאמען 'ברכה' אן אייניקל פון רבי'ן? דער ראש ישיבה האט געזאגט אז אנשי שלומינו מוזן זיך קענען איינער דעם צווייטן!

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער איז געקומען מיט א ברודער זיינער, א בחור, א שאד אז ער קומט נישט אין ישיבה לערנען, דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט אז דאס איז עפעס וואס איך קען נישט זאגן יענעם דירעקט..... אבער א שאד אז ער איז נישט געקומען...

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז דער איד איז אן איידעם פון הרב אלחדד שליט"א, דער איד וואס האט פארלוירן צוויי קינדער אין מירון ביים גרויסן אומגליק צוויי יאר צוריק רחמנא לצלן, דער אינגערמאן האט געברענגט אין אומאן פאר דער ראש ישיבה א ספר וואס זיין שווער האט ארויסגעגעבן וועגן זיינע קינדער, מעשיות וואס מענטשן האבן פארציילט ביי די שבעה.

דער ראש ישיבה האט געזאגט ער איז ממש ארויס פון התפעלות פון הרב אלחדד, ער איז אן אמתער ברסלב'ער חסיד, נישט פון דער וואס..... ער איז באמת א בקי אין הייליגן רבינ'ס ספרים. מענטשן האבן פארציילט אז זיי האבן אים געזען דעמאלט אין מירון ווען ס'איז געווען א גרויסע צומישעניש, איז ער ארומגעלאפן צו אלע טראקס וואו עס זענען געלעגן די גופים פון די קדושי מירון, און אריינגעשריגן די נעמען פון זיינע קינדער "אויב זענט עטץ דא זאלט עטץ לויפן צום הייליגן רבי'ן! דאס איז די ישוב הדעת וואס מ'באקומט ביים רבי'ן."

אין דעם ספר שטייט אז א איד איז ארויף געקומען מנחם אבל זיין און פארציילט אז ער איז געלעגן דארט אין מירון אויף דער ערד נעבן זיינע קינדער, און ער האט וואונדערלעך איבערגעלעבט, האט ער פארציילט אז זיי זענען געלעגן דארט אויף דער ערד, בשעת טויזנטער מענטשן האבן זיי אנגעטרעטן, אלע זענען געלעגן דארט מיט צובראכענער ביינער, ס'איז געווען זייער שרעקעדיג, מ'האט געזען די טויט פאר די אויגן, און זיין קליינער אינגל רופט זיך אן 'לאמיר זינגען מזמור לתודה'! השגות פון א קינד!!

אזוי האבן אלע דארט געזאגט אינאיינעם מזמור לתודה נאכאמאל און נאכאמאל, כי טוב השם ווייל דער אייבערשטער איז גוט, נישט דא קיין גוטס נישט דא קיין שלעכטס, נאר אייבערשטער, דאס איז וואס מ'קען זוכה זיין ביים רבי'ן... פארציילט דער איד אז אזוי האבן זיי געזונגען מזמור לתודה, ביז דער אינגל רופט זיך אן "אוי איינער האט מיר געטרעטן אויפן נאז, איך קען שוין נישט אטעמען" ער האט געליינט קריאת שמע מיט ישוב הדעת און אזוי צוריק געגעבן זיין נשמה פארן אייבערשטן!!!!

מיטל נאכט אין בית המדרש פעולת הצדיק געהאט דאס די זכי' צו הערן פייערדיגע דיבורים פון רבי דניאל שליט"א ער האט געזאגט אז נאך שחרית האט דער ראש ישיבה זיך געשטעלט אויף דעם וואס דער רבי' זאגט אז קוקן אויפן אתרוג איז א רפואה פאר די אויגן, וואס דער רבי' זאגט, אזוי איז עס - דברים כהוויתן, אז איינער האט אויגן ווייטאג און וועט קוקן אויף אתרוג וועט אים די ווייטאג אוועקגיין. אבער מ'קען

אויך זאגן אז ס'גייט ארויף אויף דעם וואס א מענטש קוקט זיך נעבעך צוזאם אלע שמוץ, מ'איז מפקיר די אויגן, מ'האט נישט גוטע אויגן, געבט אונז דער הייליגער רבי א סגולה צו קוקן אויפן אתרוג.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ער האט געהערט פון רבי יצחק שליט"א אז אלס בחור האט אים מוהרא"ש געבעטן ער זאל אים טראגן מיט די קאר אין מארין פארק אין פלעטבוש גיין התבודדות. האט רבי יצחק פארציילט אז גלייך ווי נאר מוהרא"ש האט זיך אריינגעזעצט אין קאר האט ער שוין אנגעהויבן זיך מתבודד זיין "הייליגער באשעפער העלף מיר די אויגן טוען מיר וויי, איך דארף גוטע אויגן, באשעפער העלף מיר הייל מיר אויס די אויגן...."

רבי יצחק האט געזאגט ער האט דעמאלט געמיינט אז מוהרא"ש האט עפעס א ווייטאג אין די אויגן, און אויף דעם בעט ער אזוי דעם אייבערשטן זאל אים אויסהיילן די אויגן....

אזוי איז אריבער צוויי וואכן און מוהרא"ש הייבט אן בעטן דעם אייבערשטן "הייליגער באשעפער, די אויערן טוען מיר וויי." אזוי האט ער געבעטן די גאנצע וועג אז דער אייבערשטער זאל אים אויסהיילן די אויערן...

נאך צוויי וואכן הערט רבי יצחק וואו מוהרא"ש הייבט אן בעטן אויף די נאז, האט ער פארשטאנען אז דא איז עפעס אנדערש אינגאנצן, ס'איז נישט קיין פיזישע ווייטאג, נאר מוהרא"ש בעט אז ער וויל אויסארבעטן אלע זיינע איברים צום אייבערשטן!

דערנאך האט רבי דניאל פארציילט א מורא'דיגע מעשה: מיט יארן צוריק איז געווען א איד וואס פלעגט פליען יעדעס יאר קיין מאראקא איינהאנדלען שיינע אתרוגים פאר די גדולים אין ארץ ישראל. איין יאר קומט ער ארויף צו איינע פון די גדולים אין ארץ ישראל און ברענגט אים א שיינע אתרוג פון מאראקא וואס ער האט אליינס געקליבן. פארציילט אים דער דער גדול הערט א מעשה פון מאראקא: אין הויפטשטאט פון מאראקא האבן געוואוינט אסאך פארמעגליכע אידן. איין טאג האבן איינע פון די אידן געכאפט א שמועס מיטן זיין שכן א גוי און אזוי צווישן די שורות זאגט אים דער גוי אז ער איז אן איידעם פון דער קעניג פון מאראקא!

דער איד האט דאס זייער געכאפט, זיין שכן איז אן איידעם ביים קעניג דאס איז גארנישט קיין קלייניקייט... ער פרעגט אים "זאג, דיין שווער דער קעניג קומט דיר אמאל באזוכן?"

"יא, זיכער קומט ער פון צייט צו צייט באזוכן!"

"אזוי! טו מיר א טובה, נעקסטע מאל ער קומט, רוף מיר, איך וויל זיך זייער טרעפן מיט אים."

"גערן" ענטפערט דער שכן, "נעקסטע מאל ער קומט, וועל איך דיר רופן."

דער טאג קומט אן, דער שכן קלאפט אן אין טיר, אז זיין שווער דער קעניג איז יעצט דא, ער איז געקומען פאר א באזוך! דער איד איז גאר פרייליך, ענדליך וועט ער טרעפן דעם קעניג און קענען מאכן דעם ברכה אויפן קעניג...

ער קומט אריין מיט זיין זון צום שכן'ס הויז, דער קעניג זיצט דארט, ער זאגט אים "איך בין א איד, איך בין א שכן דא פאר אייער איידעם, דאס איז מיין בר מצוה בחור..."

"בר מצוה?! וואס מיינט דאס? פרעגט דער קעניג."

דער איז אים שיין מסביר וואס מיינט א בר מצוה. דער קעניג איז זייער אנטציקט, אזא שיינע זאך. ער פרעגט דעם איד "איך קען אים שענקען א מתנה?"

"יא, זיכער..."

ער נעמט ארויס זיין טשעק ביכל און שרייבט אפ א טשעקל פון פופציג טויזנט דירהאם!

דער איד כאפט בליק, ער מיינט ער פאלט אראפ... אזא גרויסן סכום פאר א קליין בחורל?! וואס איז פשט פון דעם? כמיין טויזנט דירהאם איז שוין אויך גאר א שיינע סכום, אבער אזא פאנטאסטישע סכום?! וואס איז פשט אין דעם?

דער קעניג זעט אים אזוי פארוואונדערט, איז דער קעניג מסביר "קוק אהער... דער קעניג טיילט נישט קיין טשעקלעך יעדן טאג, דא פליען נישט ארום מתנות יעדע שני וחמישי, במילא ווען דער קעניג שענקט שוין א מתנה מוז עס זיין א מתנה ווי עס פאסט פאר א קעניג!"

אוודאי פאר דעם בחור'ל וואלט אסאך א קלענערע סכום אויך געווען גענוג אבער פארן קעניג פאסט נישט צו געבן אזא קליינע סכום אלס א מתנה. האט דער גדול אויסגעפירט אז מיט דעם קען מען פארשטיין וואס מ'בעט ביי די סליחות די צוויי פארקערטע לשונות - נא אל תשיבנו ריקם מלפניך - מלפניך מלכינו ריקם אל תשיבנו! אייבערשטער געב אונז א מתנה ווי עס פאסט זיך פאר א קעניג!

שכח אייבערשטער פאר אזא שיינע הערליכע יו"ט אנגעפאקט פול מיט שיינע שיעורים, שיחות און שמועסן. שכח אייבערשטער פאר דער זיסע טעם וואס מ'באקומט אין יו"ט דא אין היכל הקודש!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו**



פאר די
# ברסלב״ע
שטוב

## פארוואס ציעט די וועיפער קעיק?
### א מעשה אויף למעשה

**פינטעלעך:**
חול המועד
בטעם היכל הקודש

**מחשבה:**
א הארץ
פון שטיין

**רעסעפי:**
Pecan Pie

ש.ג. פליישמאן

# שייער אין גראמען



צו הערן די גאנצע שיעור רופט

212-444-9169
1-2

(א"י 079-70-400-69)

## טראמפ אדער העריס

דער ראש ישיבה האט גערעדט א מורא'דיגע שיחה
פארציילט פון די מורישקעס לעבן און מלוכה...
וויאזוי די מורישקעס פון קליין ביז גרויס,
נעמען זיך צאם און וועלן איינעם אויס...

"אט דער מורישקע וועט זיין אונזער קעניג"
די גאנצע קאלאניע איז אים אונטערטעניג.
וואס עס טוט זיך ביי די מורישקע וואוינונג...
נישט אזוי פשוט איז די קעניגליכע קרוינונג...

לאנגע חדשים פון ראליס און שטימען,
ביז אלע טוען צו איין מיינונג צוקומען.
לאנג לאנג טוען זיך די מורישקעס קריגן,
ביז איין קאנדידאט טוט יעדן באזיגן.

אין די צייטונגען מען האט נישט באשריבן,
וועם די מורישקעס האבן אויסגעקליבן.
אינטערעסאנט, קיינער לויפט נישט כאפן א בליק,
זיך פארטיפן אביסל "אין מורישקע פאליטיק"...

א חוזק, אויך מיר א קעניגרייך!
מיט די האנט א מאך, ס'קאסט א לאך...!
ס'טוט זיך א טומל,
מען לאכט אונז אויס אויבן אין הימל!

פון די מענטשן מורישקעס, א געשפעט,
פון פאליטיק און מלכות מ'רעדט און מ'רעדט...
פארן **אייבערשטן** איז דער קעניגליכער קרוין,
זיי מיינען זיי קענען, זיי פירן שוין...

טראמפ, העריס, אדערביידען...
קיינער פון זיי קען אונזער גלות פארמיידן.
דער **אייבערשטער** נאר ער פירט!
און אויך פרעזידענטן ער דיקטירט!

ווער ס'וועט געווינען וועט נישט אויסמאכן...
אוי ווי אין הימל מען טוט אונז אויסלאכן!!!
אפשר איז בעסער צו זיין פארנומען,
וויאזוי צום אייבערשטן נענטער צו קומען...

מיט מער **תפילה** באוועגן די ליפן,
א טיפע connection מיט אים אנקניפן.
פארציילן תפילה מעשיות צו יעדע צייט,
שמועסן פונעם "קעניג פון אלע קעניג'ס" גרויסקייט.

והי' ד' למלך על כל הארץ,
השם קעניגט אייביג, אמאל, און אויך יעצט.
רעד צום אייבערשטן כאטש איין שיחה:
"באשעפער, איך בייג מיר אינטער דיין מלוכה..."

ח. ה. מינצבערג

## חול המועד בטעם

# היכל הקודש

לאמיך אייך אראפשפילן מיין יום טוב סוכות, וויאזוי מיר האבן פארברענגט צוזאמען מיט די קינדערלער!



א סוכה'לע א קליינע...

מיט ברעטעלאך געמיינע...

האבן מיר א סוכה'לע געמאכט...

שטייענדיג אין קאך פארשוויצט איבער די טעפ, סערווירנדיג די יום טוב'דיגע סעודה, הער איך ארויס פון סוכה ווי די קינדער זינגען אזוי געשמאק אינאיינעם, אונזער סוכה איז נישט אזוי גרויס אבער אויך נישט אזוי קליין, איז פארוואס טאקע זינגט מען אט דעם ניגון מיטן עס מאכן אזוי קליין און נעבעכדיג?

צופיל צייט האב איך נישט געהאט צו אריינגיין אין די טיפקייט פון דעם ענין, נאך וואס אלע זענען סערווירט געווארן בין איך אויך אריין אין די שיינע סוכה וואס אלע האבן שוין אזוי אויסגעווארט.

מאמי, איא מיין נוי סוכה איז די שענסטע. מאמי, מיינע איז די שענסטע - איז זיסעלע נישט מסכים.

אונזער סוכה איז אזוי שיין מיט אלע שענסטע בילדער פון אונזערע בעסטע קינדער, ווערט צאמגעשטעלט א הערליכע סוכה.

פראביר איך צו מאכן שלום איידער עס ברעכט אויס א קריגעריי, מיר ווילן חלילה נישט אוועקשיקן די הייליגע אושפיזין.



חול המועד די בעסטע צייט צוגיין באזוכן זיידע באבע און זיי מיטיילן מיט זייער נחת, ווען דער דערציילט א מעשה'לע, און דער א ווערטל, ווען זיי געבן זיך אפ מיט די קינדער און האבן הנאה פון זיי, און די באבע ברענגט אריין די געבעקסן ווען די קינדער זענען נישט מוותר פון באבי'ס לעקער.

אוואו קען מען גיין חול המועד? האט מומע צירל - וואס איז געוווען דארט - געפרעגט מיט נייגער, אוואו קען מען גיין אז די קינדער זאלן הנאה האבן, ווייסט דאך מען דארף רחמי שמים אז די קינדער זאלן זיין צופרידן ביי די טייערסטע פלעצער האב איך זיי שוין גענומען, נו, מיינסט אז זיי זענען געוווען צופרידן? יעדן מאל האבן זיי געטראפן עפעס צו קלאגן, דא זענען דא צופיל מענטשן, דא איז צו ווייניג מענטשן, בקיצור עס איז נישט פשוט. איך הער זיך צו איך פארשטיי נישט פונקט וואס זי רעדט, אפשר בין איך נישט אין די קאטעגאריע פון די מענטשן וואס פארן ארום חול המועד, קען זיין אז עפעס פעלט מיר, איך ווייס נישט...



איך וויל געבן א האנט פאר מאמי. ניין איך... ניין איך...

מאמי אוואו גייט מען?

קומטס קינדער עס איז א שיינע וועטער, מען גייט אין א פארק.

אה איך זע שוין פונדערווייטנ'ס די גרויסע פארק...

קינדערלעך אלע ווארטן דא איין מינוט איך קום שוין צוריק, איך וויל נאר זען אויב מיר וועלן קענען גיין ביי די פארק... פייגי, דו געבסט אכטונג די קליינע קינדער? יא, זיכער אונז ווארטן זייער שיין...

קינדער מיר גייען ווייטער עס איז דא צופיל איבערגעלאסענע מענטשן, עס איז נישט פאר אונז אבער מען וועט גיין צו א אנדער פלאץ, קודם יעדער נעמט א טרינק און מען גייט ווייטער, דא אנטקעגן איבער איז דא שיינע גראז קומסט דארט, א דא איז דא אפילו אוואו צו זיצן...

יענקעלע וואו לויפסטו? דארט איז דא א סווינג אונטערן בוים, קומט'ס קומט'ס שנעל, אויך א גליטשער... אלע קומען, עס איז אינגאנצן ליידיג, אינגאנצן פאר אונז, האט יאנקעלע אויסגערופן מיט א איבערראשונג.

אויף מיר א פארק האב איך געטראכט צו מיר אבער די קינדער האבן הנאה וואס דארף מען מער, ש'כח אייבערשטער וועלן מיר שוין מיט דעם אויך יוצא זיין דעם חול המועד שפאנציר.

יא משה'לע פארוואס וויינסטו? פרעג איך אפווישנדיג זיינע טרערעלעך.

איך האב געכאפט א בובו... אוי ווי קום זיך אפרוען נעבן מאמי...

קוק איך בין אזוי הויך - וויל יאנקעלע אויפמערקזאמקייט.

מאמי קוק איך קען אליין - שרייט זיסעלע.

דער פיר יעריגער שימעלע קומט צו לויפן אין איין אטעם, מאמי די פארק האט א טעם פון היכל הקודש.

וואס מיינסטו צו זאגן? - פרעג איך, נישט פארשטייענדיג וואס ער זאגט.

״עס האט די זעלבע טעם פון די טריפ וואס דער רבי פון חדר האט אונז גענומען״.

אזוי תמימות'ג אבער אזוי טיף, אוואו עס איז פרייליך, עס דארף נישט זיין קיין גרויסע אדער טייערע זאכן, עס קען זיין א קליין סוכה'לע, אבער עס האט א ספעציעלע איינגענעמע ווארעמע טעם, **״א טעם פון היכל הקודש״**.



ג. פעקעטע

# פארוואס ציען די
# וועיפער קעיק?!

דו קענסט מיין חבר'טע חני? איך מיין אז דו ווייסט פון וועם איך רעד, זי פלעגט וואוינען נעבן מיר, מיר האבןביידע געוואוינט אויף סליקמאן סטריט, פון צייט צו צייט פלעג איך זיך טרעפן מיט איר, מיר האבן געשמועסט, או געווען כמעט שכנים אזוי ווי מען רופט עס אן, ס'איז געווען זייער אנגענעם ווען איך פלעג זיך טרעפן מיט איר.

ווען איך האב אהער ארויסגעמופט, בין איך געוואויר געווארן אז זי וואוינט אויך דא אין מיין געגנט, ווי זי האט זיך לעצטנ'ס אויך ארויסגעמופט. סוי יעצט זענען מיר נאכאמאל כמעט שכנים.

"זייער אינטרעסאנט."

הער וואס איך וויל דיר פארציילן: איין טאג באקום איך א טעקסט אויף מיין פאון. 'יא' שרייבט חוי. 'דעלישע'ס' שרייבט צוריק רבקי. 'דאס איז ארויס פון די וועלט' שרייבט רבקה חי'. 'מענטשן, דאס איז א מאסט' שרייבט ציפי. איך וואונדער זיך פון וואס זיי רעדן. איך קוק אזוי אויף מיין פאון, און פלוצלונג פונקט נאך א מעסעדש קומט אריין 'מענטשן, אויב ענק האבן דאס נאך נישט פרובירט, זאג איך ענק, ענק פארפאסן אין לעבן'. איך בין שוין געווארן זייער נייגעריג, פון וואס רעדט מען דא? איך פרוביר ארויפצופארן אין די מעסעדשעס צו זען אויף וואס דער עולם רופט זיך אן אזוי ווארעם.

איך הייב אן מישן מיין פאון, איך דרוק די באטן ארויפצופארן און זען פון וואס מען רעדט. אינמיטן קוקן \\ קומט ארויף נאך א טעקסט פון מיין כמעט שכנ'טע חני: 'ס'איז פארבליבן בלויז צוויי שאכטלעך'. איך האב זיך זייער געוואונדערט וואס איז די רעש דא? וואס איז יעדער אזוי אויפגעלייגט? איך האלט שוין ביי די אנהייב פון די מעסעדשעס, און איך זע אז דער עולם רעדט פון 'יאם', 'דעלישעס'. און עס קומט נאך א מעסעדש 'איך נעם ביידע' שרייבט הענטשי. יעצט

מעשה אויף למעשה

בין איך שוין געווען ממש נייגעריג, פון וואס רעדט מען דא? איך האב זיך נישט געקענט פארשטעלן וואס מיין כמעט שכנ'טע חני זאל קענען דא זאגן אז זי האט בלויז צוויי שאכטלעך פארבליבן. אפשר האט זי אלטע קליידער אוועקצוגעבן? ניין, דאס איז נישט 'פרובירן' דאס איז נישט 'דעלישע'ס'. אפשר האט זי איבריגע סאלאט פון א נעכטיגע בראנטש, קלער איך צו זיך.

איך בין געווען זייער נייגעריג, ענדליך נעם איך די פאון און איך רוק ארויף די מעסעדשעס זייער זייער שנעל און איך זע אז מ'רעדט פון גלאנצנדיגע טאנצנדיגע רינענדיגע וועיפער קעיק. אה אה, דאס איז עס, האב איך שנעל פארשטאנען, חני האט ארויסגעשטעלט אז זי האט היימישע וועיפער קעיק צו פארקויפן, אבער בלויז אפאר שאכטלעך. קוקט אויס אז זי האט אביסל צייט, און זי איז אריינגעגאנגען אין א נייע ליין פון באקן היימישע וועיפער קעיק און עס פארקויפן.

זייער שיין, קלער איך צו זיך. אבער אזא רעש זאל מאכן א שאכטל וועיפער קעיק, טראכט איך צו זיך. איך דארף נישט טראכטן צו לאנג, עס הייבט אן צו קומען נאך און נאך מעסעדשעס פון די שכנים: 'מענטשן, די וועיפער קעיק, איז נישט די רעגולער' שרייבט חני, 'דאס לוינט זיך א יעדע דאלער' שרייבט מינדי. 'ווער ס'האט דאס נאכנישט פרובירט, זאל זען צו באשטעלן פאראויס פון די נעקסטע בעטש צו קענען האבן פון דעם, ווייל דאס איז עפעס וואס דו האסט נאך קיינמאל נישט געהאט אין דיין לעבן.'

די מעסעדשעס קומען שנעל און שארף, און איך טראכט צו זיך איך וועל דאס מוזן פרובירן, אזוי גוט, יעדער איינער זאל רעדן פון די געשמאקייט פון די וועיפער קעיק, איך וויל עס אויך האבן.



קומענדיגע וואך האב איך געמאכט זיכער צו וויסן אויב חני וועט נאכאמאל ארויסלייגן א מעסעדזש וועגן איר שיינענדיגע רינענדיגע גלוסטיגע וועיפער קעיק, וואס דער עולם רימט אזוי שטארק אויס, און איך וועל זיך קענען שנעל צוכאפן ווי לאנג עס איז נאך דא אפאר שאכטלעך, און איר בעטן איינס, צו קענען פארזוכן די וועיפער קעיק וואס מען מוז האבן אזוי ווי יעדער איינער זאגט

יא צו מיין פרייד האט חני מיטוואך נאכמיטאג ארויסגעלייגט די ערווארטעטע מעסעדש 'די בעסטע וועיפער קעיק אויף די וועלט איז יעצט עוועילעבל, בלויז צען שאכטלעך, פירסט קאם, פירסט סערוו' שרייבט זי צו. שנעל האב איך איר געגעבן א שיק א מעסעדש 'איך וויל איין שאכטל'. איך האב שוין קוים געקענט ווארטן צו פארזוכן די וועיפער קעיק...

עס איז אריבער עטליכע מינוט, און חני שרייבט מיר צוריק פריוואט 'קענסט קומען נעמען דיין שאכטל, אדער קען איך דיר עס דעליווערן פאר בלויז איין דאלער'. איין דאלער - טראכט איך - אוודאי' זאל זי מיר עס דעליווערן צום טיר. איך שרייב איך צוריק 'אוודאי' זאלסטו מיר עס ברענגען' און איך שרייב אפילו צו 'נאך וואס פרייער'. 'די פרייז' - זאגט מיר חני - 'איז צוועלעף דאלער'. 'וויפיל ליגט אין איין שאכטל' - פרעג איך איר צוריק. 'אכט שטיקלעך'. איך קלער צו זיך, ווי אזוי קען זיין פאר אכט שטיקלעך וועיפער קעיק זאל מען צאלן צוועלעף דאלער, דאס קומט אויס מער ווי א דאלער א שטיקל. עס קומט אויס איינס און א האלב דאלער פאר א קליינע ביס קעיק. נו, זאגט מיר אבער מיין מח, האסט געזען די אלע מעסעדשעס ווי יעדער שרייבט אז דאס איז א מאסט, דאס מוז מען פארזוכן. שוין בארעכן איך זיך, איך מוז עס דאך פארזוכן. איך שרייב איר צוריק 'נישט קיין שום פראבלעם' איך געב איר די נאמבער'ס פון מיין קרעדיט קארטל, און זי זאגט אז זיי וועלן ארויסשיקן די ארדער'ס שפעטער ביינאכט.

מיין גאנצע נאכמיטאג איז געגאנגען גאר אנדערש, איך האב געהאלטן אין איין פיקן פון די זייט פון מיין אויגן צו די ווינדאוי, צו זען אויב איך זע א קאר אנקומען, וואס וועט מיר שוין ברענגען די ערווארטעטע מאסט עוו וועיפער קעיק. איך האב געענדיגט לייגן די קינדער שלאפן פרייליך און רואיג, מיט זינגעדיגע טענער, ווייל איך ווארט שוין אט אט זאל די שאכטל וועיפער קעיק וואס איך וועל קאסטן א טעם וואס איך האב נאך אין מיין לעבן קיינמאל נישט געהאט.

די קינדער האבן געשפירט א פרייליכע מאמע, זענען זיי אלע שיינערהייט געגאנגען שלאפן, און איך ווארט שוין אט אט, פאר מיין טשריט, זיך צו קענען אביסל מחי' זיין נאך א טאג זיך אפגעבן מיט נאכטמאל מיט שלאפן לייגן, מיט אהיימארבעט פון די קינדער.

דינג דאנג, הער איך מיין בעל פייפן, אוי איז די פרייד געווען גרויס, איך לויף צו די טיר און טאקע דארט דערקען איך חני'ס זון בלויז א יאר נאך די בר מצווה, איך האב אים דערקענט אלס כמעט שכן נאך פון פארן ארויסמופן. און ער געבט מיר איבער א קליינע ברוינע בעג. "ש'כח" - זאג איך אים

איך האב נישט געקענט ווארטן ביז די טיר מאכט זיך צו, און ער גייט זיך אויף זיין וועג. איך נעם ארויס די שאכטל פון די בעג,

נאך גייענדיג צום קאך עפן איך שוין אויף די שאכטל, און איך הייב אן נעמען די ערשטע שטיקל מיט א הויכע מזונות, און די שטיקל וועיפער קעיק האב איך אריינגעלייגט אויף מיין צונג. 'אםםם' טראכט איך צו זיך, טאקע אזוי ווי דער עולם האט גערעדט, עס איז טאקע מורא'דיג. נאך א בייס 'אםםם' זייער פיין, איך זע אז חני טויגט גאר גוט. אין א קורצע צייט איז די שאכטל געווען האלב ליידיג, איך האב עס פרובירט איין מאל און נאכאמאל אראפצולייגן, און זיך איינהאלטן פון נעמען נאך נאך איין שטיקל, אבער יעדע מאל איז טאקע געלונגען פאר מיין אפעטיט, איך זאל אריינלייגן נאך איין שטיקל אין מיין מויל. "זייער פיין" - האב איך זיך אנגערופן הויך צו מיר אליין.

אזוי איז עס געגאנגען די נעקסטע פאר וואכן, איך האב געהאלטן אן אויג אויפן טעלעפאן, יעדן מאל חני האט געשיקט א מעסעדזש בין איך געווען פון די ערשטע וואס האבן געזאגט 'יא' איך דארף א שאכטל', פאר בלויז צוועלעף דאלער קען זי מיר געבן א שאכטל, אבער אוודאי זאל איר זון עס קומען ברענגען צו מיר צום טיר, לייגט מען צו נאר נאך איין דאלער.

וואך נאך וואך דרייצן דאלער פאר אכט שטיקלער וועיפער קעיק. אוודאי האבן אונז אוועקגעלייגט לכבוד שבת, אוודאי האב איך מכבד געווען מיין מאן פאר זיין סיום מיט אפאר שטיקלער. אבער דער אמת איז עס געווען א איבריגע זאך אין מיין וואך. וואך נאך וואך נאך וואך. דרייצן דאלער, דרייצן דאלער, דרייצן דאלער. ביז איך טרעף זיך מיט דרייצן פונט מער, כמעט אזוי האב איך געשפירט.

איין טאג טראכט איך צו זיך 'וואס איז די מעשה דא? ווייל חני לייגט ארויס אז זי האט וועיפער קעיק, דארף איך וואך נאך וואך קויפן די וועיפער קעיק? צאלן געלט וואס איך וויל נישט, און צולייגן פונט וואס איך דארף נישט? גענוג געווען' - קלער איך צו זיך - 'ווי אזוי קען איך זיך איינהאלטן פון נאכאמאל באשטעלן די שאכטל וועיפער קעיק' - האב איך פרובירט צו טראכטן. איך בין געקומען צו די החלטה אז ווילאנג איך וועל זען אז חני שיקט די גלוסטיגע בילד, פון די גלאנצעדיגע שיינענדיג רינענדיגע וועיפער קעיק, וואס מען קען אפילו כמעט שמעקן די פיינע שמעק ארויס פון די בילד, וועל איך זיך נישט קענען מתגבר זיין, און איך וועל עס נאכאמאל און נאכאמאל קויפן.

**'וואס איז די מעשה דא? ווייל חני לייגט ארויס אז זי האט וועיפער קעיק, דארף איך וואך נאך וואך קויפן די וועיפער קעיק? צאלן געלט וואס איך וויל נישט, און צולייגן פונט וואס איך דארף נישט? גענוג געווען' - קלער איך צו זיך - 'ווי אזוי קען איך זיך איינהאלטן פון נאכאמאל באשטעלן די שאכטל וועיפער קעיק' - האב איך פראבירט צו טראכטן.**

איך האב זיך אדורכגעשמועסט מיטן אייבערשטן, און פרובירט צו זען וואס קען איך דא טון, עס איז נישט קיין גוטע זאך צו קויפן וואך נאך וואך וועיפער קעיק, עס איז נישט גוט פאר די טאש, און עס איז נישט גוט פארן מענטש.

ביז איין טאג ווען איך האב געהערט א שיעור ווי דער ראש ישיבה זאגט אז ס'איז נישט אזוי גוט אז פרויען זאל זיין ביזי אויפן טעלעפאן צופיל, יעדע מינוט קלינגט נאך א מעסעדזש און נאך א מעסעדזש, פון די גרופ און יענע גרופ. האב איך געטראכט 'אה דאס איז עס' ווער זאגט אז איך דארף זיין אויף די גרופ און זען וואס טוט זיך יעדן טאג, ביי יעדן איינעם.

שכח אייבערשטער איך האב שנעל אראפגעסיינט פון די גרופ, און אזוי אויך פון אנדערע גרופ'ס, איין גרופ איז פון די שכנים פון די גאס. נאך א גרופ איז פון די שכנים פון צען גאסן ארום. א דריטע גרופ איז פון אלע היימישע משפחות פון די געגנט. א פערטע גרופ איז די באס וואס איז נאר פאר עלטערע קינדער. א פופטע גרופ איז די באס וואס איז נאר פאר יונגערע קינדער. א זעקסטע גרופ איז די באס וואס איז נאר מיידלעך. א זיבעטע גרופ איז די באס וואס איז נאר חבר'טעס. א אכטע גרופ איז א גרופ וואס איז נאר נאנטע משפחה. א ניינטע גרופ איז א גרופ וואס איז די נאנטע משפחה צוזאמען מיט נאך קרובים. איך קען גיין ווייטער און ווייטער, אבער איך האב פארשטאנען אז עס איז צייט ארויסצוטשעקן, איך האב זיך אראפגעסיינט פון כמעט אלע גרופ'ס, און געבליבן נאר ווי עס איז וויכטיג פאר מיין טאג טעגליכע לעבן צו אנגיין.

עס איז אריבער א שטיק צייט און איך באמערק אז איך בין אראפ אפאר פונט, עס איז אריבער נאך אביסל צייט, און איך כאפ זיך אז איך האב אפאר איבריגע דאלער ביי מיר אין לעדל, איך האב פארשטאנען די קלארע באדייט, איך האב געזען די טויש אין מיין שטוב.

יא מיט רעדן צום אייבערשטן האב איך געקענט מאכן דעם טויש, און נישט ווערן נאכגעשלעפט ווייטער און ווייטער פון שיינע בילדער אויף גרופ'ס, רעדן צום אייבערשטן שטעלט דעם מענטש אין פלאץ!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**

# מחשבה

ע. טראכטער



## א פארל פון שטיין!

"קוק אהער- התבודדות איז נישט פאר מיר," האט מיר מיין חבר'טע געזאגט איין טאג נאכ'ן אויסהערן א שיעור.

"איך הער און איך פראביר און פראביר, אבער עס איז נישט מיין נאטור."

זי האט מיר מסביר געווען א גאנצע טעאריע אז עס איז דא מענטשן וואס זייער נאטור איז ווי א "סילינדער" שעיפ, זייער מח און הארץ האבן די ריכטיגע באלאנס, זיי קענען אננעמען דאס לעבן געזונט.

און עס זענען דא נאטורן וואס זענען אזוי ווי א אייז קרים קאון, זייערע געפילן זענען שמאל פון אונטן און זייער מח איז ברייטער. פרעגט מיר נישט פונקטליך וואס, ווייל איך האב נישט פארשטאנען, וואס איך האב יא פארשטאנען איז אז זי איז נישט קיין געפילישע, זי האט א הארץ פון שטיין און ממילא איז התבודדות נישט פאר איר, עס איז א זאך וואס איז געמאכט נאר פאר מענטשן מיט געפיל.

וואס האט מיר דערמאנט איז אז איך האב לעצטנס געהערט פון דער ראש ישיבה ווי ער פרעגט זיין זון, וויאזוי עס שפירט זיך ווען זיין קליין קינד זאגט אים "טאטי..."

דאס קינד זאגט עס נאכנישט מיט געפיל, מיט הארץ, דאס קינד ווייסט קוים וואס ער רעדט, ער זאגט נאר דאס וואס מען לערנט אים, אבער דאך, ווער עס האט שוין אמאל זוכה געווען צו הערן די אומשאצבארע ווארט פון א קליין קינד "מאמי..." ווייסט אז דאס איז עפעס וואס מען קען נישט מסביר זיין.

עס צולאזט דאס (שטיינערדיגע) הארץ.

דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט, "אוודאי איז א שיינע התבודדות זייער געשמאק און שיין, אבער ווען עס גייט נישט, ווען מען שפירט זיך ווי א שטיין וואס רוקט זיך נישט, און דאך זאגט מען דאס וואס מען האט דיר געלערנט, אן הארץ, אן געפיל, נאר פשוט "טאטע..." ווייסט מען נישט וואספארא נחת רוח דער אייבערשטער האט דערפון.

איך האב זיך געלערנט א שיינע זאך פון בית פיגא, "א תפילה ליסט."

ווען די מיידלעך ענדיגן דאווענען אין שולע, באקומען זיי אפאר מינוט ווי יעדער קען אינזין האבן זייער "תפילה ליסטע."

דאס האט מיר זייער געכאפט, ווייל נישט אלעמאל ליגט אויפ'ן הארץ אלעס, איז ווען עפעס דרוקט אדער מען געדענקט א זאך וואס מען וויל, גייט מען צום ליסטע און מען שרייבט דאס אראפ. "נחת פון די קינדער, שיך פאר די קינדער, א קלייד אויף יום טוב, א נייע בעט פאר'ן קינד, הצלחה פאר חיים מיט זיין עברי, מיין מאן זאל אנקומען קיין אומאן."

איך האב דאס אמאל דערציילט פאר א חבר'טע, זאגט זי מיר מיט וואונדער, "אזוי גייט עס? דורות און שיך אין איין אטעם?"

האב איך איר געזאגט, "דאס איז (איינע פון) די מעלה פון רעדן צום אייבערשטן, פאר א בשר ודם דארפן זאכן מאכן סענס, מען קען נישט רעדן פון דורות און שיך אין איין אטעם, עס איז נישט פאסיג. אבער דער אייבערשטער איז דאך א יודע מחשבות - ער ווייסט (און באשאפט) אלע מיינע מחשבות און אז איך האב געטראכט דערפון, ווייסט דאך דער אייבערשטער, איז לאמיר אים עס ארויסזאגן..."

די עצה פון א תפילה ליסטע איז וואונדערליך, דאס העלפט אונז אויך לעבן מיט הודאה, ווייל דער מענטש זעט דאך ווי דער אייבערשטער העלפט. מען געט א בליק צוריק נאך א שטיק צייט און מען זעט ווי זאכן רוקן זיך, דער אייבערשטער העלפט, דאנקט מען. און דאס עפנט אויף פריש די הימלען פאר נאך השפעות.

אז דו שפירסט זיך ווי א שטיין, שפירסטו זיך אזויווי דער גרויסער תנא ר' עקיבא. אויך ער האט ביי די פערציג יאר געשפירט ווי פאר אים איז שוין צו שפעט, "עס איז נישט זיין נאטור צו לערנען."

לכאורה האט ער שוין געהאט אן אנאליז פון א פראפעשינעל וואספארא סארט שעיפ (פארעם) זיין נאטור, מח און הארץ איז. דער הייליגער תנא אז אריבער א שטיין און געזען אז די שטיין האט א לאך פון אזויפיל וואסער וואס האט געטראפט דערויף, האט ער געזאגט, "אויב וואסער קען לעכערן א שטיין, קען וואסער פון תורה אוודאי לעכערן מיין

הארץ וואס איז פון פלייש און נישט פון שטיין, און ער האט זיך געזעצט לערנען טראץ אלע מניעות און אויפגעשטעלט 24,000 תלמידים.

ר' עקיבא האט ביז די 40 יאר נישט געקענט קיין אלף- בית.

ממילא אויב וואסער קען לעכערן א שטיין, און אויב תורה קען אריינטראפן ביי די 40 יאר ביי א מענטש וואס איז ביז דאן געווען א וויסטע עם הארץ, קען א טריקענע תפילה - א ווארט "טאטע" אויך צוביסלעך לעכערן מיין הארץ וואס שפירט ווי א שטיין און איך וועל נאך איין טאג זוכה זיין צו "שפכו כמים לבך" צו פארגיסן מיין הארץ ווי וואסער פאר'ן באשעפער.

פארוואס שפירן מיר נישט אלעמאל א טעם ווען מיר רעדן צום באשעפער? דער רבי זאגט שוין אז די מחיצה קומט פון אונזערע עבירות

אזוויי א פענסטער וואס איז פארשטויבט דארף מען אנשפריצן מיט "ווינדעקס" און רייבן און רייבן ביז עס ווערט ריין און שיין, אזוי איז אויך מיט אונזער הארץ, מיר דארפן עס פוצן און פוצן, און צוביסלעך וועט אראפגיין די שטויב און מיר וועלן זוכה זיין "צו שפירן אייבערשטער."

לאמיר עס געבן צו פארשטיין מיט א משל, איך ווייס נישט די מקור אבער דער נמשל איז טייער.

א קעניג האט אמאל באפוילן זיין באדינער ער זאל ארויסגיין אין גאס פארנט פון פאלאץ, דארט וועט ער זען א גרויסע שווערע שטיין. "שטופ יעדן טאג די שטיין." האט אים דער קעניג באפוילן.

דער קנעכט איז ארויס און געטון דעם באפעל פונעם קעניג. ער איז ארויס מיט פרישע כוחות דעם ערשטן טאג און געשטופט מיט אלע כוחות, ביז עס איז אים געריגען שווייס פון די שטערן, אבער די שטיין האט זיך נישט גערירט.

דעם אנדערן טאג איז ער ווידער ארויס און געטון די זעלבע, ביז זיינע כוחות האבן זיך אויסגעלאזט, אבער די שטיין האט זיך נישט גערוקט.

אזוי איז אריבער א טאג און נאך איינס, דער באדינער שטופט און די שטיין רירט זיך נישט. צוביסלעך האט דער באדינער פארלוירן חשק און איז יעדן טאג ארויס געגעבן א שטופ, יוצא צו זיין דעם קעניג'ס באפעל און איז אריין.

איין טאג קומט צו אים א מיניסטער און פרעגט אים מיט שפאט, "פארוואס שטופסטו די שטיין? דו זעסט נישט אז עס רוקט זיך נישט. לאז אפ. עס איז א שאד די צייט און כח."

דער באדינער האט זיך געלאזט איבעררעדן און איז מער נישט ארויס שטופן די שטיין.

ויהי היום, דער קעניג לאזט אים רופן. ווי נאר דער באדינער קומט אריין, פרעגט אים דער קעניג, "פארוואס שטופסטו מער נישט די שטיין?"

דער באדינער איז זיך מודה אז ער האט פראבירט אבער נאך א שטיק צייט האט ער געזען אז עס רוקט זיך ממילא נישט, און דער מיניסטער האט אים אויפגעקלערט אז עס האט נישט קיין פשט, ממילא האט ער אויפגעהערט.

דער קעניג האט אים דאן געזאגט, "האב איך דיר דען געהייסן "רוקן" דעם שטיין? איך האב דיר באפוילן "שטופן" די שטיין, און דאן איז געקומען די טאג וואס דער קעניג האט "גערוקט" דעם שטיין, לויט וויפיל מאל דער באדינער האט געשטופט. קיין איין "שטופ" איז נישט געווען לאיבוד.

דער הייליגער רבי האט אונז שוין געזאגט, "אז אפילו א מענטש שפירט נישט ווי עס רוקט זיך אין עבודות ה', ימים ושנים - טעג און יארן זאל ער נישט אויפגעבן נאר ווייטער גיין."

דער אייבערשטער בעט נישט מיר זאלן רוקן די שטיין, נאר שטופן. וויאזוי? נאך א תפילה און נאך איינס, אפילו עס שפירט זיך טרוקן, קאלט און פארשטיינערט... דו טו דיינס. א קאפיטל תהלים, א מינוט התבודדות... זאג און זאג. קיין איין תפילה גייט נישט לאיבוד. איין טאג וועט דער אייבערשטער רוקן די שטיין לויט אונזערע תפילות. איין טאג וועלן מיר זען גערוקט.

אז יעדע ווארט וואס איך האב גערעדט צום אייבערשטן האט געלאזט א גרויסע רושם.

אפילו איך זע עס נישט גלייך, אפילו איך שפיר נישט. צדיקים האבן געזאגט "א איד דארף טון, נישט אויפטון..."

איין טאג וועט מען זען ווי זאכן האבן זיך גערוקט ווייט ווייט, מער ווי מיר האבן זיך געקענט פארשטעלן. איין טאג וועלן מיר זיך וואונדערן צו זען וואספארא השפעה אונזער "הארץ פון שטיין" האט געמאכט!

פארגאנגענעם זומער זענען מיר געפארן מיט די קינדער פארברענגען אויף די בערג. מיר זענען אנגעקומען צו א פלאץ וואו די קינדער האבן באקומען פשוט'ע שטיינער. זיי האבן אויך באקומען געצייג, שטארקע זייף מיט וואסער. מען האט זיי געזאגט אז זיי זאלן רייבן אויף די שטיינער מיט אלע כוחות פאר אפאר מינוט. צום סוף האט זיך ארויסגעשטעלט אז די שטיינער זענען בכלל נישט געווען פשוט'ע שטיינער. עס איז געווען gemstones, טייערע שטיינער, סאפיר שטיינער, קווארץ שטיינער און מער.

די קינדער האבן באוואונדערט וויאזוי א פשוט'ע שטיין מיט אביסל יגיעה ווערט א טייערע שטיין. איך האב זיי דאן מסביר געווען אז די שטיין איז אלעמאל געווען טייער, עס איז קיינמאל נישט געווען א פשוט'ע שטיין, נאר עס איז געווען שמוציג. עס איז געליגן צו לאנג אין די ערד. דאס וואס זיי האבן זיך מטריח געווען און עס גפוצט, האט דאס נישט געמאכט פאר א "דיימאנט" נאר אויפגעדעקט די שיינקייט דערפון.

איך און דו זענען דיימאנטן און בריאלאנטן. דאס וואס מיר שפירן זיך נישט אזוי, איז פשוט ווייל מיר ליגן שוין צו לאנג אין דער ערד, מיר פארגעסן פון אונזער תכלית, פון אונזער טאטע. אבער אז מיר נעמען אביסל זייף פון התבודדות און תפילה, וועלן מיר אפשטויבן די שמוץ פון אונזער "כמו שטיין הארץ" און אנדעקן אז עס איז גאר א דיימאנט וואס וועט אונז טראגן גאר גאר ווייט.

קיין חילוק וואספארא סארט נאטור דו פארמאגסט.

# Pecan Pie

BY: H. JAY

## INGREDIENTS:

- 12 MINI TART SHELLS (OR 1 PIE CRUST)
- 2 EGGS
- 6 OZ CHOPPED PECANS
- 1/2 CUP MAPLE SYRUP
- 1/2 T CINNAMON
- 1/2 T VANILLA EXTRACT
- 4 T OIL
- 1 PACK OF SWEET WHOLE PECANS (FOR THE TOP)

GLAZE (OPTIONAL)

- 1/2 LB CONFECTIONER SUGAR
- 1 T COFFEE DISSOLVED IN 3 T HOT WATER
- 2 T OIL

## DIRECTIONS:

IF USING MINI TARTS, LAY OUT TART SHELLS ON A BAKING SHEET, PIERCE THE CENTER WITH A FORK OR EACH, AND BACK FOR 10 MIN ON 325.

WHISK ALL INGREDIENTS EXCEPT THE WHOLE PECANS

POUR INTO SHELLS AND TOP WITH A WHOLE PECAN BAKE FOR 15-18 MIN

IF USING A PIE CRUST, POUR THE WHOLE BATTER INTO THE CRUST ARRANGE THE WHOLE PECANS AROUND THE TOP, AND BAKE FOR 45 MIN

LET COOL AND POUR GLAZE ON TOP




קינדער בלעטל
קאמיקס:
דער שכן
קען נישט
שלאפן
אוטש!
ס'טוט וויי...

# מעשה'לעך פאר קינדערלעך

## בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ

אָה... אִיךְ הָאבּ מִיךְ צֶעקְלַאפְּט מַיין פִינְגֶער... סְ'בְּלוּט, בְּרֶענְג אַ בֶּענְדִידְזְשׁ...

גֶעוֶוען אִיז דָאס מִיט רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַ תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעהַאקְט אַ נָאגְל, אוּן בַּיים קְלַאפְּן מִיטְ'ן הַאמֶער הָאט עֶר זִיךְ צֶעקְלַאפְּט זַיין פִינְגֶער; עֶס הָאט אִים זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן פוּן וֵוייטָאג: "אוֹטְשׁ, עֶס טוּט מִיר וֵויי, אֲהָהּ... אִיךְ הָאבּ מִיךְ צֶעקְלַאפְּט מַיין פִינְגֶער... סְ'בְּלוּט, בְּרֶענְג אַ בֶּענְדִידְזְשׁ..."

דָארְט אִיז גֶעוֶוען זַיין רֶבִּי, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן פוּן בְּרֶסְלֶב, דֶער גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. רֶבִּי נָתָן פְרֶעגְט זַיין תַּלְמִיד: "נַחְמָן, הָאסְטוּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֵיידֶער דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען דֶעם הַאמֶער אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן קְלַאפְּן 'הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט צֶעקְלַאפְּן, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף דֶער נָאגְל זָאל גוּט אַרַיינְגֵיין?' הָאסְט נִישְׁט גֶעבֶּעטְן אוֹיף דֶעם, וָואלְסְט גֶעדַארְפְט בֶּעטְן - וָואלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט צֶעקְלַאפְּט".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס מֶען טוּט, אַ קְלֵיינֶע זַאךְ אָדֶער אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ - דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל מַצְלִיחַ זַיין, לָאמִיר זִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף אַלֶע אִידְן אוּן אוֹיךְ מִיר ..."




”אוֹטְשׁ, עֶס טוּט מִיר וֵויי!“

# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון ר' נתן דערמאנט דיך די בילד?**

| | |
|---|---|
| יום כיפור | יקוק |
|  |  |

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

ווער ס'האט אמונה, זיין לעבן איז א לעבן!

## ברסלב'ע חידות

**דער ראש ישיבה שרייבט אין עצתו אמונה אז דער עיקר וואס דער רבי וויל פון אונז איז:**

א. לערנען און דאווענען
ב. זיך דערהאלטן
ג. גיין הפצה
ד. מיר זאלן זיין זיינע חסידים

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

חז"ל זאגן: ווען מיר זיצן אין די הייליגע סוכה איז עס אזוי ווי מיר זיצן אין די שאטן פונעם אייבערשטן!

## געב א שמייכל

**ווי אזוי זאגט מען "מיין אויער" אין ענגליש?**

געברענגט צו אייך דורך: הרב אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות נצרכים

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** - חלק ראשון

**כג. כְּשֶׁנּוֹפֵל מֵאֱמוּנָתוֹ, יִבְכֶּה.**

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט פוּן זַיין אֱמוּנָה, עֶר אִיז שְׁוַואךְ אִין אֱמוּנָה, זָאל עֶר וֵויינֶען.



# שרייב טישל

## טרעף די וועג

**רעגן איז א ברכה!**





## טרעף די ווערטער

| | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ו | ב | ר | כ | ה | פ | כ | ס |
| ו | נ | ט | ג | ה | ג | ר | ע |
| נ | ל | א | ד | ת | ע | ת | ס |
| מ | ק | ש | ד | ג | כ | מ | נ |
| ק | נ | ש | נ | ד | מ | פ | ד |
| ס | ק | ט | ה | ל | ג | י | ק |
| ע | ס | ג | פ | ס | ג | א | ג |
| ז | ג | ד | ר | ז | נ | ש | י |
| ז | א | ר | ע | ס | א | ו | ו |
| פ | ל | י | ס | ט | ס | ב | מ |
| ש | מ | ה | ב | י | צ | ש | א |
| ק | י | ס | א | ז | פ | ת | ס |
| ס | ה | ת | ד | ח | ט | ע | ג |
| פ | ו | כ | ה | מ | י | ג | י |
| ו | ה | פ | ו | נ | ע | י | ס |
| ל | ע | ק | פ | נ | פ | י | ט |
| י | ס | נ | ש | פ | ז | ל | ד |
| ד | נ | ק | ג | א | נ | צ | ע |
| נ | י | ג | ל | ר | ח | ק | כ |

ס׳רעגנט ס׳גיסט
פון הימל וואסער פליסט
ס׳קומט א ברכה
פאר די גאנצע משפחה!

# קינדער דערציילן

## מעשיות פון תפלה

שיקט אריין אייער מעשה פון תפלה צו:
845.379.1161

מיין מנהל האט געמאכט א פראגראם צו לערנען משניות, איך האב געוואלט מען זאל מיך פארהערן פרק ט' אין ברכות, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן און שכח אייבערשטער אז איך האב מיך דאס געקענט פארהערן.

*מרדכי הארוויץ, לאנדאן*

איך האב געשפילט מיט מיין פלעי' מאביל, אינמיטן שפילן האב איך געוואלט אראפנעמען די געלע שטיקלעך דערפון אבער איך האב נישט געקענט.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל דאס קענען אראפנעמען, שכח אייבערשטער איך האב דאס געקענט אראפנעמען.

*יצחק אהרן פליישמאן, קרית ברסלב, 7 יאר*

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל טרעפן מיין זייגער, איין טאג האב איך געקוקט אין מיין בעט און איך האב עס דארט געטראפן ליגן.

*רבקי וועבערמאן, קרית ברסלב, 10 יאר*

איך האב געהאט שטארקע בויך ווי' א שטיק צייט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל זיך אויסהיילן. פלוצלינג איין טאג האט זיך עס אויפגעהערט אביסל, דערנאך איז עס אינגאנצן אוועקגעגאנגען.

*יוסף קענעג, צפת*

פאר צוויי יאר צוריק האט זיך צובראכן מיין האנט, מ'האט געדארפט אפערירן די האנט, ברוך השם ס'איז געווארן בעסער. דאס יאר פאר ראש השנה האב איך געשלעפט א שווערע זאך און איך האב געשפירט אז מיין האנט הייבט אן ווייטון, אזוי איז עס געווארן מער און מער.

די הצלה האט געזאגט אז מען מוז בודק זיין אויב ס'האט זיך נאכאמאל צובראכן די האנט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל נישט זיין צובראכן, אויך האט מען געבעטן ביים רבינ'ס ציון, און מזכיר געווען ביים ראש ישיבה.

שכח אייבערשטער אז ס'איז צוריקגעקומען די בדיקה אז ס'איז נישט צובראכן, און די ווייטאג איז דערנאך אוועקגעגאנגען.

*ר. קענעג, צפת*

שיקט אריין די ענטפערס פון די ברסלב'ע חידות, א שיחה אין א בילד, א מעשה פון תפילה, א מעשה פון תפילה געמאלן.

און גייט אריין נאכאמאל אינעם גורל פארן קומענדיגן חודש.

צו הערן די גורלות פון די פריערדיגע חדשים
רופט קול ברסלב 212-444-9191 #5 #6

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:

845.379.1161

BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM




חיהל'ה גומבערג





צפורה בירנבוים



פייגי בוים



חיים בוים



פרי 1 עי אין בית פיגא סקול



אליעזר שלמה שטיינבערג



ארי פריעדמאן



חני אפעל און מירל ראזענפעלד



אדי שטיינבערג



רבקי פריעדמאן



פייגי לאנדא

# משפחת גליק

## כאפט א בליק, ביי משפחת גליק.

פאריגע וואָך האָט מען פאַרצײלט אַז מענדי איז זייער פרייליך און איבערראַשט, איינס ווייגן דניאל'ס מאמע האָט געבוירן א בעבי.

די צווייטע זאַך וואס איך בין אַזוי פרייליך איז אַז מיין זיידע און באַבע פריעד גייען קומען צו אונזער הויז, ווייגן איך גיי מאכן א סיום משניות!

ווייגן דעם בין איך די מערסטע פרייליך! איך גיי ענדיגן גאַנץ ששה סדרי משנה די ערשטע מאָל אין מיין לעבן! איך קען עס קוים גלייבן!!!

איך דערמאַן זיך ווען איך האָב אָנגעהויבן משניות האָט מיר עס אויסגעזען א באַרג וואס מען קען נישט אַריבערגיין, אָבער איך האָב נישט געטראַכט פון ענדיגן, איך האָב אָנגעהויבן א משנה נאָך א משנה, א פרק נאָך א פרק רואיגערהייט.

ווען איך האָב געהאַט אַביסל ליידיגע צייט, נאָך חדר אָדער פאַר חדר, אויפן וועג, האָב איך אַריינגעכאַפט צו זאָגן משניות מיינסט דער יצר הרע האָט עס צוגעלאָזט? ניין! ער האָט געזוכט מיר צו שטערן פון אַלע זייטן, אָבער איך האָב זיך געשטאַרקט אויף די שוועריגקייטן און שטרויכלונגען וואס ער האָט מיר אונטערגעשטעלט, און ווייטער פלייסיג געלערנט.

טייל מאָל איז אים ליידער יא געגאַנגען מיר צו שטערן און אַוועקנעמען צו אַנדערע באַשעפטיגונגען, אָבער איך האָב אַכטונג געגעבן נישט צו ווערן צעבראָכן פון א דורכפאַל, נאָר זיך אויפגעהויבן און אָנגעפאַנגען מיט א פרישקייט.

איך בין אַזוי איבערראַשט אַז ענדליך האָב איך דערגרייכט צו א סיום! איך וועל גיין העלפן אָנגרייטן די הערליכע סיום.

ציפי פאַרצײלט: איך האָף אַז מענדי וועט נישט ליינען מיין מעשה אין די שטעטל בלעטל די וואָך, ווייל איך וויל נישט ער זאָל וויסן, דאָס וואס איך גיי אייך יעצט דערציילן.

אָבער אפילו ער וועט עס יא ליינען איז נישט געפערליך, וועט ער אויף האָבן חיזוק

שוין אַפּאָר טעג צוריק האָב איך געפּלאַנט מיט מיין מאַמע וואס מען קען צוגרייטן לכבוד די סיום משניות פון מענדי

מיין מאַמע - די באַוואוסטע בעקערין האָט זיך גענומען באַקן גוטע קעיק'ס, און געבעקס לכבוד התורה.

איך האָב געטראַכט צו אָנגרייטן א סורפּרייז פאַר מענדי.

איך האָב געקאָלט מיין חברט'ע פּעסי זיכערמאַן, זי האָט אייביג גוטע ביי־פאַלן פון מעכטיגע איבערראַשונגען וואס קאָסטן נישט קיין געלט.

זי האָט מיר געגעבן א ביי־פאַל וואס האָט מיר אויסגעזען אַז מענדי וואָלט זייער הנאה געהאַט דערפון.

איך זאָל צוזאַם נעמען פון אַסאַך: שכנים, חברים, קאַזינ'ס, באַבע'ס, זיידע'ס, פעטער'ס א.א.וו. א קאָמפּלימענט און וואונטש פאַר מענדי לכבוד די סיום און איך זאָל עס פאַרשרייבן אויף א ביכעלע און אים עס געבן אויף א אינטערעסאַנטע וועג.

זייער אַסאַך צייט האָב איך געאַרבעט צו שאַפן אַסאַך וואונטשן פאַר מענדי, באַפוצן די ביכעלע, דערנאָך עס איבערשרייבן, עס איז נישט געווען אַזוי גרינג, אָבער איך האָב זיך געפרייט, אַז איך וועל קענען דערפרייען מיין באַליבטער ברודער דער תלמיד חכם און אים געבן חשק צו לערנען ווייטער.

ל. סאקס

אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מִיר אַרַיינְשִׁיקְן אַ גוּטֶע גֶעדַאנְק, וְויאַזוֹי צוּ גֶעבְּן דִי בִּיכֶעלֶע אוֹיף אַ אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע אוּמְשְׁטֵייגֶערְלִיכֶע וֶועג.

בִּיז עֶס אִיז מִיר אַיינְגֶעפַאלְן עֶס צוּ לֵייגְן אִין אַ דוּרְכְזִיכְטִיגֶע זֶעקְל, אוּנְטֶער אַ שְׁטִיקְל קֶעיק אִין אַ טֶעלֶער אוּן דָארְט וֶועט עֶר עֶס טְרֶעפְן, אָבֶּער דָאס מוּז מֶען טוּן מַמָּשׁ פַארְן דֶערְלַאנְגֶען דִי טֶעלֶער, כְּדֵי עֶס זָאל אָנְקוּמֶען צוּ מֶענְדִי אוּן נִישְׁט צוּ אַ צְוֵוייטְן. הָאבּ אִיךְ עֶס אַוֶועקְגֶעלֵייגְט אוּן גֶעוַוארְט אוֹיף אַ פַּאסִיגֶע גֶעלֶעגְנְהֵייט.

"אָה! יֶעצְט אִיז דִי פַּאסִיגְסְטֶע צַייט" - הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט. דִי קָאךְ אִיז גֶעוֶוען לֵיידִיג, נָאר מַיין מַאמֶע אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען.

אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען דִי שֵׁיינֶע בַּאפּוּצְטֶע בִּיכֶעלֶע, מִיט אַ טֶעלֶער, צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דִי פּוּשְׁקֶע קֶעיק, אָנְפַאנְגֶענְדִיג צוּ אוּנְטֶערְלֵייגְן דִי בִּיכֶעלֶע אוּן... אוּפְּס! וֶועמֶען זֶע אִיךְ דָא? דֶער חָתָן מֶענְדִי אַלֵיין! אִיךְ הָאבּ שְׁנֶעל פַארְשְׁטֶעקְט דִי בִּיכֶעלֶע אוּנְטֶערְן אָרֶעם, אָבֶּער עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען צוּ שְׁפֶּעט, מֶענְדִי הָאט אַלֶעס גֶעזֶען!

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶועל אִיךְ אֵייךְ דֶערְצֵיילְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטֶנְ'ס הִילְף וְויאַזוֹי ס'הָאט זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט.









גענומען מיט רשות פון עיר ברסלב

*Deadline to advertise Sunday 12:00 PM*

# קלאסיפיידס

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א
הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה אברהם אלי' זעלקאוויטש הי"ו**
**וזוגתו ריסא תחי'**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען
אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער
געזונטערהייט.

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א
הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה שמואל בלעדי הי"ו**
**וזוגתו חי' תחי'**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען
אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער
געזונטערהייט.

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א
הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה יוסף מערמעלשטיין הי"ו**
**וזוגתו ריקא תחי'**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען
אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער
געזונטערהייט.








For all your software
automation needs.

Call Moishy Ekstein
845-428-2782

**אפיסעס צו פארדינגען**
הערליכע שיינע נייע
איבערגעבויטע אפיסעס מיט
ליכטיג ווינדאויס פאר רענט אין
הארץ פון שטעטל.
רופט שלמה יאקאבאוויטש
845-637-5367

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב



דער דיין שליט"א ביים באקוקען אן אתרוג ביים
ד' מינים סענטער אין שטעטל



ד' מינים סענטער אין שטעטל



דער ראש ישיבה שליט"א ביים וואונטשן
מזל טוב פונעם געבורט פון א מיידל פאר
מו"ה שמוליק בלעדי הי"ו



שיעור ערב יום טוב אין שטעטל




**כפרות שלאגן אין שטעטל**



**כפרות שלאגן אין תלמוד תורה אין קרית יואל**



**סליחות ערב יום כיפור**



**דער ראש ישיבה שליט"א ביים שלאגן כפרות אין שטעטל**



**ביים פארטיילן לעקעך ערב יום כיפור אזוי ווי די מנהג איז**

קרעדיט: נפתלי זאבעל, לייבי ראטה, שמעון פיש, אייזיק ראטה, איציק מענדלאוויטש, זלמן ויזל, יוחנן שור, שמעי' ווקס, אברהם אייזנער



דער ראש ישיבה שליט"א לערנט פאר דעם דף גמרא



דער ראש ישיבה שליט"א ביים מאכן הבדלה



קידוש לבנה אין ביהמ"ד היכל הקודש טבריה
מוצאי יום הקדוש תשפ"ה



אנשי שלומינו לערנען שיעורים כסדרן



יארצייט סעודה פון רבי'ן אין היכל הקודש בארא פארק



יארצייט סעודה פון רבי'ן אין היכל הקודש בית שמש



יארצייט סעודה פון רבי'ן אין היכל הקודש בני ברק



יארצייט סעודה פון רבי'ן אין היכל הקודש בראכפעלד

קרעדיט: נפתלי זאבעל, לייבי ראטה, שמעון פיש, אייזיק ראטה, איציק מענדלאוויטש, זלמן ויזל, יוחנן שור, שמעי' ווקס, אברהם אייזנער



יארצייט סעודה פון הייליגן רבי'ן אין שטעטל



יארצייט סעודה פון רבי'ן אין היכל הקודש לינדען





שמחת בית השואבה אינעם סוכה פון מו"ה אברהם פרידריך הי"ו





שחרית אין שטעטל - א' חול המועד סוכות תשפ"ה



דער ראש ישיבה ביי נענועים



שחרית אין ביהמ"ד היכל הקודש בראכפעלד

קרעדיט: נפתלי זאבעל, לייבי ראטה, שמעון פיש, אייזיק ראטה, איציק מענדלאוויטש, זלמן ויזל, יוחנן שור, שמעי' ווקס, אברהם אייזנער















**הכנסת ספר תורה אין שטעטל דורך מו"ה אברהם שבתי מזרחי הי"ו אין חול המועד**

קרעדיט: נפתלי זאבעל, לייבי ראטה, שמעון פיש, אייזיק ראטה, איציק מענדלאוויטש, זלמן ויזל, יוחנן שור, שמעי' ווקס, אברהם אייזנער














**אנשי שלומינו טאנצן לכבודו של תורה**



**די קינדער ביים הכנסת ספר תורה**
















קרעדיט: נפתלי זאבעל, לייבי ראטה, שמעון פיש, אייזיק ראטה, איציק מענדלאוויטש, זלמן ויזל, יוחנן שור, שמעי' ווקס, אברהם אייזנער





















סיום הש"ס פון מו"ה שבתי מזרחי הי"ו



מו"ה שבתי מזרחי הי"ו טרעט אויף ביים מעמד



ברייטע פרישטאג צוגעשטעלט דורכן בית התבשיל



יארצייט סעודה פון הייליגן רבי'ן אין ירושלים





שמחת בית השאבה אין היכל הקודש ירושלים





מ'שטעלט אויף א טרעילער און א שאטער ביי
ירושלים גאס אין בערפארגרייטונג צו שמחת תורה





קרעדיט: נפתלי זאבעל, לייבי ראטה, שמעון פיש, אייזיק ראטה, איציק מענדלאוויטש, זלמן ויזל, יוחנן שור, שמעי' ווקס, אברהם אייזנער



דער ראש ישיבה ביים ווינטשן א גוט קויטל פאר אנשי שלומינו







הקפות שניות אין ירושלים



הקפות שניות אין בני ברק

קרעדיט: נפתלי זאבעל, לייבי ראטה, שמעון פיש, אייזיק ראטה, **איציק מענדלאוויטש**, זלמן ויזל, יוחנן שור, שמעי' ווקס, אברהם אייזנער

# פונעם שרייבן דעם קוויטל ביזן ארויסשיקן דעם קוויטל איז אלעם באצאלט



*sruliHeskel



קריאת משנה תורה אין היכל הקודש ירושלים



קריאת משנה תורה אין היכל הקודש האשקי



קריאת משנה תורה אין היכל הקודש לינדען



קריאת משנה תורה אין היכל הקודש קרית יואל







הושענה רבה אין שטעטל